STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02655

# DOR HOLEKH VE-DOR BO

Abraham Goldfaden

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דור הולך ודור בא.

געגענווערטיגע און צוקונפטיגע גענעראציאָנען.

NATIONAL JEWISH HOSPITAL FOR CONSUMPTIVES.

## אין צוויא טהייל.

— פון —


## אברהם גאלדפאדען.



דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פאבלישינג קאמפאני,

83-85-87 קאנאל סטריט, ניו יארק.

Y
G 61d

# דור הולך.

ערשטער טהייל.

## אונזער מכה.

# אינהאלטס פערצייכניס :

## פון דיא לעקטשורס פון דעם ערשטען טהייל.

---


ערשטע לעקטשור—דאס קאָנסוליום.

צווייטע „ —גהעטטאָ־קניפלעך צום אויפקניפפען.

דריטטע „ —אין דרויסען פון דער גהעטטאָ.

פיערטע „ —וואו קומט אהין דאס אידישע קאפיטאל?

פינפטע „ —וואס דארף א איד פריהער—צו פרנסה, צו גימנאסטיק??

זעקסטע „ —דער אידישער אוצר.

זיעבענטע „ —דער „בערלינטשיק“.

אכטע „ —דיא „כריסטאָמאַטניקעס“.

נייַנטע „ —דיא „גערורענע“.

צעהנטע „ —דיא געפעהרליכע פעדאגאָגישע מעטהאדע.

עלפטע „ —דיא אידישע באָליאטשקע.

צוועלפטע „ —וואס טהוט מען??


---

# מאטטא.

---

„ איך האב זעהר ליעב דיא אידען! — איך האב קיינע געלעגענהייט
„ פערלאָזט צו דערמאנען זייערע מארטירער — דיא מעלות פון זייער
„ פאמיליענלעבען, זייער בעוואונדערונג ווערטהעס טאַלענט, וואס זייא
„ האבען ארויסגעוויזען ביז אויף היינטיגען טאג.
„ וויא אזוי קען מען ניט געריהרט ווערען פון דעם שיקזאל פון דעם פאלק,
„ וואס האט געבוירען דעם שעפפער פון דער קריסטליכער וועלט... און ווערט
„ אזוי פערפאלגט, געקרייציקט פון זיין אייגענעם זאהן?!... אויב מיר ווע־
„ לען נור געהן מיט יושר דארפען מיר זאגען וועגען איהם דיא ווערטער:
„זיינע חטאים זיינען די, וואס מיר שרייבען איהם צו, און זיינע גוטע מעשים
„ זיינען זיינע אייגענע!"—רעספעקט פאר דעם דולדזאמען פאלק, וועלכעס
„ מ'האט יאהרהונדערטע געשלאגען און וועלכעס מען זעהט נאך ביז
„ היינט ליידען אין פיעלע לענדער!—רעספעקט פיר דעם געטרייען פאָלק
„ וועלכעס היט פיר אונז אָפּ דעם אלטען טיפּ פון וואנען מיר שטאמען
„ און וואוהין מיר דארפען צוריקגעהן!... וואס היט אָפּ דיא כהונה פון
„ זיין משפחה;—רעספעקט פיר זיין לעבעדיגער ענערגיע, וועלכע האט
„ פון דער טיעף פון אָריענט ביז אויף אונזערע צייטען ארויסגעבראכט אזוי
„ פיעל אונערווארטעטע, טאלענטע, געלעהרטע און ארטיסטען פון יעדע־
„ ארט קונסט!!".

**מישעלעט,**

(בעריהמטער פראנצויזישער היסטאריקער).

# דאס קאנסיליום.

אַללע מיינע בעקאנטע, וואס זיינען פון שטענדיג אָן געוואוינט געוועזן מיך צו זעהן אויף דעם פעלד דער פאעזיע און דראַמאַטורגי, יועט אויסווייזען זעהר מאָדנע מיך צו טרעפען פלוצלונג אויף דעם פעלד דער **דידאקטיק**. —

דיא אורזאכע, וואס האט מיך געבראכט דאצו איך זאלל אויפטרעטען אויף דעם נייעם פעלד איז ניט אוננאטירליך.

דיא גאנצע צוואנציג יאהר, וואס מיר איז בעשערט געוועזן אויסצואר־בייטען פאר דעם אידישען פאלק די אידישע ביהנע, האב איך געלעבט גאר אין איין אַנדער ספערע—אין אַ טהעאטער־וועלט! דיא פיזישע און גייסטיגע ארבייט, די מיה און אנשטרענגונג וואס איך אַ ל יי ן האב געמוזט די גאנצע צייט איבערטראגען איידער עס זיינען מיר אונטערגעקומען מיינע מיטהעל־פער, איז געוועזן איבער מיינע קרעפטען... עס האט געווירקט שלעכט אויף מיין גייסט און שעדליך אויף מיין געזונד — פעראורטהיילט צוא זיין פער־שפארט אין דער קוליסען־פעסטונג האב איך קיין צייט געהאט ארומצוקוקען זיך וואס עס געהט פאר אין דער אויסערער וועלט... אין דער א י ד י ש ע ר וועלט האב איך נאך צייט געהאט צוא חאפען אַ קליינעם קוק... אַז מיין טהעאטער קינד איז אַלט געווארען 20 יאהר (פון זייט מיינער גרינדונג) בין איך מיעד, פערמאטערט, אָנגעזעטיגט מיט מאנגעל, נויטה, ערגערניס, ערנסט קראנק געווארען און האב געמוזט מיין שוין ערוואקסענעם 20 יעהריגען טהעאטער־זוהן זאגען מיין לעצטע: „אדיע!“—איך האב איהם איבערגעלאזט אויף א נ ד ע ר ע הענד זייא זאללען פארטזעצען זיין אידישע ערציהונג און אויסבילדונג, וועלכע איך האב אנגעפאנגען—און, דיא ערשטע זארג מיינע איז געוועזן, נאטירליך צו פארלאטען א ביססעל מיין צוריסענעם קראנקען שטיקעל „איך“, וועלכען איך האב פערנאכלעסיגט דיא גאנצע צייט, ווען איך האב געלעבט פאר י ע נ ע ם——רייזענדיג אין מאנכע קור־ערטער, וויא איך האב מיך א ביסעל ערהאָלט, האב איך מיך ארומגעקוקט, אז איך

האב קיין היים... איך האב מיך ענטשלאסען, אויף גאטס בעראטה צו בעזעטצען זיך אין מיטטעל-פונקט פון דער ציוויליזירטער וועלט, אבער ניט אין דעם רוישענדען מיטטעלפונקט פון דער שטאדט פאריז, נאר אין איינע פון איהרע רייצענדע שטיללע ווינקעלאך פאססו, נעבען די וועלדליך וואו איך זאלל קענען רוהיג אונגעשטערט נאכפארשען און ארומזעהן זיך ביי וועלכען גראדוס עס האלט דער בארמעטער פון דער פראגרעסיווער וועלט און בעזאנדערס—צוהערען זיך צום קלאפעז פון פולס פון דעם אידישען נאציאנאלען-הערצען... מיינע גייסטיגע נאהרונג איז געוועזן די אידישע ליטעראטור אום אלגעמיינעם און בעזאנדערס צו שטודירען דיא פראקטישע ציוניסטישע בעוועגונג און דיא אידישע עמיגראציאן.

אַבער—וועלכע איראניע פון דעם שיקזאל!—וויא עס איז ניט בעשערט אַ אידען רוהיג צו לעבען! פונקט דעם ערשטען ווינטער ווען איך האב מיך נאר וואס אַוועקגעזעצט אויסרוהען האט מיך געפאקט אַ שמערצליך שטעבעניש אין מיין גאנץ לייב און לעבען—דאס איז געווען די „דרייפוס עפידעמיע"!——

טאמער האט מיין אידיש הארץ נאך וויינינג געבלוטעט פון די וואונדען, וואס איך האב בעקומען פון דעם ערשטען אַדעססער פאגראם און דאס צווייטע מאל פון דעם קיעווער פאגראם, וואו איך מיט מיין פרוי האבען געמוזט איבערלאזען אונזער גאנץ ביסעל אָרעמקייט אויף הפקר אין די פער-בלוטיגטע הענד פון דער באססע—קאמאנדע און ענטלויפען וואו דיא אויגען טראגען און צו פערהיילען מיינע פרישע וואונדען בין איך געקומען אין זי-בערען ציוויליזירטען לאנד פראנקרייך, וועלכעס האט צום ערשטען מאל נאך יציאת מצרים פראקלאמירט פאר דיא אידען פרייהייט, גלייכהייט, ברידער-ליכקייט—זאל איך מיך געווען ריכטען, אַז דא, אַלס „איד" זאל איך ווידער ניט זיכער זיין מיט מיין לעבען? — און זאלל מו״א האבען אַרויסצוגעהן אין פאריז אויף דער גאסס וואו די שעהנע געטין „לא־רעפאבליקע" שטעהט וויא אַ שוטץ-ענגעל אין האלט איבער אונזערע קעפ מיט שטאלצער זיכער-הייט איהר פאלמען-צווייג פון פריעדען און פרייהייט... און נעבען איהר זאל מאן הערען די שרעקליכע געשרייען „מאָר אָה זשוויף!" איך בין געבליעבען

אזוי פערטומעלט, אזוי געפלעפט... וויא איינער געביסען פון א משוגענעם הונד... — — —

איך בין ניט געווען אימשטאנדע צונויפליינען מיינע געדאנקען און בעד רעכנען אויף קלאהר וואס דא געהט פאר! — — — — —. — — — —

איך האב מיך צוגעהערט צו דער יודענוואנדערונג און ציוניסטישער בעוועגונג — א שרעק יבער וויר־וואר! — דאס ארימע, אונגליקליכע איד׳שע פאלק שטעהט ווידער ביי א שרעקליכען קריזיס... און ווייס ניט וויא זיך איין עצה צו געבען... דאס יודענטהום איז קראנק! און יעדער פראבירט עס לייגען אויף איין אנדער זייט — ד י א הייסען זיך איהם איבערקעהרען צום קריסטענטהום און א נ ד ע ר ע פראבירען איהם מגייר זיין — איהר הערט! — מ ג י י ר זיין צום יודענטהום!... י ע נ ע, שטופען איהם קיין קאנאדא, אר־ גענטיניען, און ד י א, שיקען איהם קיין פאלעסטינא — מאנכע געטרייע דאק־ טארען זיינען אזוי צודולט, אז אנשטאט רוהיג פריהער פעסט צו שטעלען די דיאגנאזא פון זיין קראנקהייט און וויסען איהר כאראקטער, לויפען צו שנעל מיט זייער הילף און פערבייטען דיא רעצעפטען... און אנשטאט א קראנקען צאהן רייסען זיי איהם ארויס א ג ע ז ו נ ד ע ן... מאנכע שרייען גאר: וואס האט ער זיך אנידער געלייגט אין דער קריינק? זאל ער זיך אליין העלפען!—

און מאנכע וואס וואלטען איהם יא געקענט העלפען, גיבען גאר א־ מאך מיט דער האנד: חאפט איהם דער וואטעמאכער! מיר האבען גאר קיין צייט ניט פיר איהם".

אלזא — דאס יודענטהום איז קראנק! און ליידעט דאצו פון אזא זאנדער־ בארער געפעהרליכער קראנקהייט, וואס קיין נאציאן אין דער וועלט ליידעט ניט...

איך וויל יעצט אויפדעקען די מכה... אנווייזען אויף די מיקראבען און דיא אורזאכען פון דער קראנקהייט און מיט הילפע פון אנדערע בעריהמטע געטרייע דאקטוירים איפזוכען וויא ווייט מעגליך, די ר פ ו א ה צו דער מכה. איך מוז יעצט זאגען מיט „היינען": ענטווערער איך וואלט בייא דער צייט שיין ניט בעדארפט לעבען, אדער נישט קראנק זיין! — דען צו זעהן, וואס מיט מיין טהייער פאלק, וועלכעס איך האב פון קינדהייט אן ניט אויפ־ געהערט צו ליעבען, געהט יעצט פאר, און וואס פאר א צוקונפט איהם

שטעהט ענטגעגען, קען מיין הארץ ניט אויסהאלטען איך זאל שווייגען! און וויא פיעל מיר יועט נאך בעשערט זיין צו לעבען, וויא פיעל מיין האנד וועט נאך זיין אימשטאנד צו האלטען אַ פעדער, וועלל איך ניט אויפהערען צו שרייבען, צו שרייבען און צו שרייבען!... איך ווינש נאר מען זאל מיך גוט פערשטעהן און נישט דייטען מיינע ווערטער קאפויר... און דיא קריטיקער זאללען זיך ניט חאפען צו זאגען איין איבעראיילטען אורטהייל ביז איך וועל ענדיגען. ווייל אַרויסזאגען אַלעס אין איין מאל איז ניט מעגליך, דען איך וועל טרייען אללע פראגען צו בעאנטווארטען.

איך מוז נאך איין וויכטיגע זאך בעמערקען: אז איך געהער צום גאנ־צען פאלק! ניט צו איין סעקטע—אַלע אונזערע גאונים, פילאזאפען, ליבעראלען, קאנסערוואטיווע, פובליציסטען, ציוניסטען, סאציאליסטען, ניהיליסטען, אלע סעקטען קאַסטין און פארטייען דארפען וויססען, אַז דאס רעדט איינער וואס קען זייא אללע... און האט שטודירט דאס, וואס זייא אללע—ניע קען אַ פאנאטיקער אָדער אָרטהאָדאקס אורטהיילען אַ פילאזאף, אדער ליבעראלען, ווייל ער האט זיין שולע ניט דורכגעמאכט. ניט טהעאָרעטיש און ניט פראקטיש; ווידער אומגעקעהרט, ניע וועט אַ פילאזאף אָדער ליבעראלער קענען ריכטיג אורטהיילען דעם פאנאטיקער אָדער אָרטהאָדאקס! נאר דער, וואס האט ביידע שולען דורכגעמאכט, קען זיך מאכען אַ ריכטיגען בעגריעף פון ביידע.

דיא פראקטיקע—אָנגעפאנגען פון דעם קליין שטעדטישען, רעליגיעזען, אַבערגלויבישען, סאציאלען, עקאנאמישען און פאמיליענלעבען, ביז אין דעם העכסטען מאדערנעם לעבען פון די ציוויליזירטע אינדוסטריעלע, שטעדט. די פיעלע בראשורען, צייטונגען, רעדען, וואס רוישען אין אַלע גרויסע שטעדט; דיא פיעלע רייזען, דער אומגאנג מיט אַלערליי קלאססען מענשען, ענדליך דיא וויכטיגע עפאכען, וואס מיר האבען דורכגעלעבט אין דעם לעצטען העלפט פון דעם 19 יאהר הונדערט; האט מיר דיא געלעגענהייט פער־שאפט צו ערפאהרען, וואס דיא מענשהייט האט דורכגעמאכט אין דעם שנעללען לויפענדען שטראם פון דעם פראגרעס, און ניט וויא איין אַלטער אָבגעלעבטער, וואס לאכט אָב פון דעם יונגען נייעם דור נאר אוים בלויזע קנאה, וואס ער קען שוין ניט מיטהאלטען מיט זייא און דערפאר ריהמט ער אזוי, און ציהט נאר דאס אלטע לעבען.

איך בין אויך ניט קיין אוטאפיסט, קיין שאוויניסט, וואס ער שטעלט זיין ראסע דערפאר העכער און בעסער פון אללע אנדערע, ווייל ער איז

געבוירען גראד אין דער ראסע ניט אין קיין אנדערע! אונפארטייאיש איז מיין אורטהייל און דארום—גערעכט! און ווען איהר וועט מיך הערען אמאל לויבען דאס אלטע לעבען, און מיינע נאציאן, איז נישט נאר דערפאר אליין, וואס זיא האט מיר געליפערט בעווייזע פון איהרע וואהרע עהרליכקייט, גערעכטיגקייט, זיטליכקייט און טולעראנץ, דורך וועלכע מעלות זיא האט ביי מיר פערדיענט אזא גרויסען ווערטה, אז איך מעג שטאלץ זיין אויף איהר!.. נישט נאר דערפאר וואס זיא האט מיר געגעבען א גאט און א ביבעל! נישט נאר דערפאר וואס מיין פאלק איז דאס גרעסטע מערטירערער—פאלק דער וועלט, וואס אזא לעבען אליין ארבייט אויס אין א מענשען וויא אין א פאלק א פיעל פיינערען כאראקטער, ווי דיא יעניגע, וועלכע לעבען שטענדיג אין וואוילטאג און וויסען נישט פון קיין שלעכטס. נישט נאר פאר דיא אלע זאכען אליין, האט מיין פאלק זיך פערדינט געשעצט צוא ווערען מעהר פון אנדערע; נאר דערפאר אויך, וואס דיא אנדערע האבען מיר נאך קיינע רעעלע בעווייזע געגעבען ביז אהער פון זייער בעססערקייט און עהרליכקייט!...

איך ליעב ניט איינצופיהרען פרעמדע מיינונגען און ציטאטען! נור דערפאר, וואס פיעלע פון אונזערע אייגענע אידען (צו אונזער הארצוועהטאג און שאנדע) אנשטאט צו שטאלצירען, שעהמען זייא זיך מיט אונזער „אתה בחרתנו״ — בין איך גענעטהיגט געוועזען ביים אנפאנג פון מיין שרייבען אנשטאט א פאררעדע צו צושלאגען א גרויסען שילד פון בעריהמטען פראנצויזישען היסטאריקער, וועלכער איז ביי דיא פראנצויזען אזויא גרויס און געאכטעט וויא ביי אונז „משה רבנו״ — און לאזען אללע דיא אידען, וועלכע זיינען געוואהנט צו האבען מעהר רעספעקט צו א גוי'אישען געלעהרטען וויא צו א אידישען, לעזען, זעהן און זיך איבערצייגען וויא א פראנצויזישער גרויסער געלעהרטער זאגט פאר אונז „אתה בחרתנו״ —.

דיא שפראכע פון דעם ווערק און דער סטיל איז קיין עכט זשארגאנישער, וויל יעטצט רעד איך ניט מיט מיין פעבעל, יעטצט רעד איך צו אונזער אינטעלעגענטען נייעם דור, צו אונזערע דאקטארען, רבנים, שריפטשטעללער און פובליציסטען, צו די וואהרע געטרייע קעמפפער פאר דעם יודענטהום, וועלכע וועלען מיט דער צייט בילדען דעם העכסטען סענאט און סינאד דאס „סנהדרין״. און אויסהערענדיג דיא מיינונג פון יעדען, וועלען זייא, נאך רוהיגער איבערלייגונג, מוזען זאגען דאס לעצטעווארט וויא צו רעטטען זייער פאלק דורה דער בילדונג און ערציהונג פון דעם נייעם דור.

## 2.

# גהעטטא-קניפלאך צום אויפקניפפען:

קאנסערווע שפייזען.—
אלטער רייגער וויין אונגעמישטער.—
געפרעסטע לופט.—
ספעציעלע פאקולטעטע.—
לייענען זיין אייגענע מצבה.—

וויא האלט מען פערפיומען.—
סחורה לאגער פון א גרויסע פירמא.—
דאס קאבינעט פון א גרויסען דענקער.—
דאס פאטענטירטע בוך.—
טויזענדיעהריגע יאהרצייטען.—

וואס פאר אַ פנים האט געהאט דאס יודענטהום אין דעם פערשלאסענעם **גהעטטאָ**, און וואס פאר אַ געשטאלט האט עס בעקומען, ווען מען האט איהם אויפגעשלאסען דיא טויערען און ער איז אַרוים פרייא?

עס זיינען דא **שפייזען** געריכטען, וועלכע ווערען נאר געהאלטען אין פערמאכטע, פער'חתמ'טע כלים; וואס ענגער זייא ליעגען און פאפראוועט מיט געווירצע בעהאלטען זייא אויף לאנג זייער פרישקייט, זיינען גוט אין טעם און קאסטען טהייער; וויעדער זיינען אויך דא שפייזען, וואס מוזען שטעהן אָפגעדעקט, דען צוגעדעקט ווערען זייא פערדומפפט.

דאס יודענטהום אין גהעטטאָ אין זיין ענג סאציאלען לעבען איז געוועזען גוט איינגעווירצט מיט דיא בשמים פון סאלידאריטעט, מאראל און זיטליכקייט; דערפאר האט עס יאהרען לאנג בעהאלטען זיין סאציאלע פרישקייט און גייסטיגען געשמאק.

פערפיומירטעס שמעקענדיגעס אויל מוז זיין גוט פערפראפפט, עס זאל ניט אויסגעוועבט ווערען, שטעקט מען אָפ דעם קאָריק פערליערט ער דעם ריח... דער אידישער בוימעל האט פיעלע געקרוינטע קעפ געזאלבט...

דעם יודענטהום'ס, גרויסע ווערטה איז אויך זיין אַלטקייט! — וואס עלטער דער וויין איז, איז עס בעססער און טהייערער, — ער מוז אָבער געהאלטען ווערען אין אַ גוטען קעלער און אין אַ פראסטען היל'צערנעם פאס, דאן צאהלט ער זיך פיעל טהייערער פון דיא נייע פאבריצירטע

וויינען, וועלכע שטעהן אויסגעשטעלט אין אַללע שיינקען און דיא שפּיעגעל־שאפּעס, אין שעהנע קריסטאַלינע פלעשער, בעקרעפּט מיט שעהנע טיקעטען וויא מצבות—אָנגעדרוקט מיט גאָלדענע בוכשטאַבען דיא שבחים און דעם ווערטה וואס אין דיא פלעשער ליגט, וועהרענד איגוויינניג קען זיך געפינען אַ זויערער סובסטאַנץ.

מאנכע טרינקען וויין מיט וואסער—די ערצטע זאגען, אַז ס׳איז געזונד.

ווען דיא מענשהייט איז נאך געוועזען וואַסערדיג, האט מען בייא אידען גענומען זיין גוט ביסעל אַלטען וויין, וואס ער האט בעהאַלטען ביי זיך אין קעלער... און עס אויסגעמישט מיט וואסער... דאס פאבריצירטע געטראנק האט מען אַ נאמען געגעבען — קריסטענטהום...

דיא מאָדערנע יונגע טרינקען מייסטענס דעם געמישטען; ווייל דער אַלטער נאַטירליכער וויין שיינט צו זיין פאר זייא צו שטארק...

די אמת׳ע טהייערסטע ווערטה פּראָדוקטען האלטען די גרויסע פירמעס בייא זיך אין לאַגער; און אז יעמאַנד ברויכט איין ארטיקעל, קומט ער צו זייא אַ הי י ם איהם צו קויפען—דאס איז דער שטאָלץ דער פירמא! אויף יארידים פאהרען נאר ארום קליינע סוחרים׳לאך און שלעפּען דיא קונים פאר דיא פאלעס... לאָזען זייא צו ביליג, אַבי צו קויפען ביי זייא...

דער איד איז קיין מאל ניט ארומגעפאהרען מיט זיין גייסטיגער סחורה און זיך אָנגעוואָרפען מען זאל ביי איהם קויפען... אז מען האט בעדארפט איז מען געקומען צו איהם אַהיים — אין זיין סקלאַד ——...

לוטהער האט בעדארפט איבערזעטצען דיא ביבעל, האט ער זיך מטריח געוועזען צום אידען אין גהעטטאָ.

דער דאַמפּף, קוים געהט ער אַרויס אין דרויסען צוגעהט ער אין רויך, ווען דער דאמפּף איז געפּרעסט האט ער אַזא קראַפט, אז ער שלעפּט דיא גרעסטע משאות—מען מוז דערפאר שטענדיג אויפהאלטען דאס פייער, וואס וואָרימט דעם קעססעל.

לעשט דער איד אוים זיין אידיש פייער, פערלירט ער זיין קראַפט.

אַ זשעניאַלער מענש, וואס זיין בערוף איז צו ארבייטען מיט׳ן קאפּ, מוז וואהנען רוהיג, אָבגעזונדערט, אָהן רעש—אַ גרויסער ערפינדער, וואס דאַרף נוטצען בּרענגען דער גאנצער מענשהייט און דעם פּראָגרעסס,

מוז אַרבייטען איזאָללירט אין זיין אַטעליע... און טאר זיך ניט קיממערען פון דעם רעש און לוקסוס פון דער אויסענוועלט, וואס שטערט איהם צו זיין גייסטיגער ארבייט און דענקען... ער וואלט ניט געקענט בעגליקען דיא וועלט מיט זיין גרויסע ערפינדונג, ווען ער זאלל וועלען אַרומלויפען גאנצע טעג אויף דיא יאגדען און גאנצע נעכט אמוזירען זיך אויף בעלער, אָדער ווענן ער זאל זיך וועלען מישען אין פאליטיק און אנדערע שטאַאטס אינטערעסען...

ווייל דעם אידען'ס ארבייט איז געווען אַ קאפ־ארבייט, האט ער געמוזט לעבען איזאָללירט... הנה עם לבדד ישכון!...

אנדערע וויכטיגע ארבייטען מוזען אנדערע קעפּ אויסארבייטען!

דעם פראגרעס ארבייט ניט אוים איין מענש אָדער איין ראסע— יעדער מענש, יעדע נאציאן, יעדע ראסע מוז אויסארבייטען בייא זיך אין לאנד, בייא זיך אין דער היים זיינע ספּעציאליטעטען מיט וואס ער איז פון דער נאטור בעגאבט און צו וואס עס איז פעהיג... אללע פערשידענע, ספּעציעלע ארבייטען צוזאמען—מאכט אוים דיא איינציגע מאשינע— פראגרעס!...

דעם אידען'ס בערוף און ספּעציאליטעט איז געווען אויסצוארבייטען פאר דער אללגעמיינער מענשהייט אַ בוך פאן זיטליכקייט, מאראל און טוגענד; דאס גייסטיגע לעבען!—דאס בוך איז פאטענטירט און אָנגענומען געווארען בייא דער גאנצער וועלט. און חאטש אַבגעזונדערט פון דעם רעש פון דער מאטעריעלער וועלט, זיטצענדיג שטענדיג איבער זיין גייסטיגער ארבייט, און ליידענדיג פיהל נויטה, מאנגעל און שטערונגען, איז דאס קליינע, שוואכע, זשעניאלע פעלקעלע קיינמאל ניט קראנק געווארען פיזיש אויך!.. זיינע גייסטיגע נאהרונג האט אזוי געקרעפטיגט זיין אָרגאַנישען קערפער. אַז ער האט בכח געהאט איבער צו לעבען די קאָלאָסאלע, אייזערנע, שטארקסטע נאטורען... און וויא אַ בעוועגליכע אלטע רעליקוויע שפּאצירט ער זיך אַרום אין דעם גרויסען וועלט—מוזעאום—וויא אַ לעבעדיגע פערגאנגענהייט! לעזט דיא אויפשריפטען פון זיינע אייגענע מצבות... און וואס פאר אַ נייעם דור ער זעהט פאר זיך אללע מאל אָבשטארבען, געהט ער נאך זיין לויה, זאגט נאך איהם קדיש... און שטעלט איהם אַ טויזענד—יאהרצייט בייא זיך אין זיין אלטער שוהל!...

# 3

# אין דרויסען פון דעם געטטהאָ.

## אינהאלט:

ארויס פון דער קרעטשמע. — פארקיהלט אהן איין אויבערציהער. — א אידישען דאקטאר פאסטער. — פרייהייט און הפקירות. — זיך צו הוליעט אוף דעם יאריד. — דאס געלע און רויטע בענ־דעלע. — א קליינינקע מלוכה׳לע פון סווינאפאסעם. — אריין דורך דעם הינטערטהירעל, ארויסגעווארפען דורכ׳ן טהויער. — וואו איז ערגעץ דיא נאציאן? — מען פויקט אלארם (טרעוואגע). — דאס גארטעלע האט זיך צובונדען. — איך וויל אויך זיין א וואס? — ווייס איך ניט! —

אין מעריב האט אָנגעהויבען צו טאגען... די טויערין פון דעם גהעטטאָ קרעטשמע האבען זיך געעפענט!... דער גרויסער ערפינדער מיט זיין בוך אונטערן אָרם איז ארויסגעפאהרען אויף דער פרייער וועלט... און זיין ערשטער ציעל וואָלט בעדארפט זיין צוריק קומען צו זיין אַלטער היים, וואו אין דעם רוהיגען אַבגעזונדערטען ווינקעל אַרומגערינגעלט מיט אַ שטילע וויסטע זאלל ער קענען אונגעשטערט פארטזעטצען זיין גייסטיגעס שטודיום צום וואהל דער אללגעמיינען מענשהייט און בעלייכטען מיט זיין היילינגער מנורה דיא פינסטערע ווינקעלאך פון דעם אָריענט וויא ער האט אַ מאהל בעלייכטעט דעם נאך ווילד געוועזענעם פינסטערען אָקסידענט...

פרישע לופט איז געזונד—; נאר אזוי וויא דיא לופט קען בעלעבען דעם מענשען, קען זיא איהם אויך שאדען, ווען ער ווייסט ניט וויא זיך אָבהיטען פאר איהר—.

ארויסהאפענדיג זיך פלעצליך פון דער פערשטיקטער אין דער פרישער פרייער לופט, אָהן זיין ווארעמען אויבערציהער וואס ער האט פערגעססען אין קרעטשמע, האט ער זיך פערקיהלט און איז קראנק געווארען—...

וואלט דאס געווען איינע אלגעמיינע מענשען—קראנקהייט וואלט געווען אָהן סכנה, ער וואלט זיך בעדינט מיט דיא זעלבע היילמיטעל וואס אַללע אַנדערע מענשען—ווען אַ משוגענער הינד זאל אַ ביס טהאן אַ אידען, דארף דער איד ניט ווארטען ביז עס וועט בייא אידען געבוירען ווערען אַ דאקטאר צו העלפען אַזא קריינק... איינע אַ נאציאן האט געבאָרען אַ דאקטאר

„פאסטער". וואס ער האט ערפונדען דאס מיטעל צו היילען נישט נאר זיין נאציאן, נאר אַלע נאציאנען דער וועלט אָהנע אויסנאהמע, ווען עס טרעפט זיך דיא קראנק —.

דעם אידענס קראנק איז אַ ספּעציעל אידישע נאציאנאלע! וואס קיין ראסע, קיין נאציאן אין דער וועלט ליידעט פון איהר; דער־פאר מוז ערשט ביים אידען געבארען ווערען אַ אידישער דאקטאר וואס ער זאל ערפינדען דאס מיטעל אויסצוהיילען די ספּעציעלע אידישע קראנקהייט...

נישט דער מענש איז קראנק געווארען אין דעם אידען—דער איד איז קראנק געווארען אין דעם אידען —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די פרייהייט איז זעהר גוט. נאר מען דארף פערשטעהן וויא אַזוי זיך מיט איהר צו בענוטצען... דער איד האט דאס פרייע לעבען שלעכט פערשטאנען. אין זיין העברעאישע שפּראכע דריקט זיך דאס אויס דאס „הפקר לעבען!"

אויף דעם גרויסען שליאך פון זיין רייזע איז ער פלוצלונג אריין אין דעם גרויסען וועלט יאריד מיט זיין שרעקליכען געטומעל וויא די פּראקטישע מאטעריעלע וועלט טוישט אויס מאטעריאַלע, זאגאר, גייסטיגע פּראדוקטע ווי—

מיט יושר ווערט געטאנדעלט,<br>ליגענד האט א גרויסען ביראה...<br>וויא געוויסען ווערט פערהאנדעלט<br>אן דעטייל וויא אויך אן גראה!

וואו יעדער קוקט נאך עגאיסטיש ארום אויף זיין געווין; וויא די אונ־געצוימטע ליידענשאפט שלאגט אויף איהרע באלאגאנעס און פערלאַקט אין דער נעץ פון איהר רייץ און לאסטער, שפּיעלע, טענצע, שכור'ן, פרעססען, אלע אונערפאהרענע לעבע־מענשען—ער האט זיך געלאזט הינרייסען פון דעם ווילדען שטראם פון לוקסוס, עס האט איהם אָנגעחאפּט אַ שווינדעל... זיין אַלטען גוטען וויין האט ער אויסגעביטען אויף אַ ביסעל שמד—וואסער... זיין טאלענט האט ער פערנאכלעסיגט, זיין געניאלעס זיטטען־בוך דאס תנך ל האט ער אויסגעביטען אויף פוסגע מאטעמאטישע וואוכעדישע קאנטא־ביכער... דאס היילינע שטארקע גארטעלע, „סאלידאריטעט", וואס האט פעסט צו־זאמענגעשנורט זיין נאציאנאל ווירטהשאפטליך פאמיליען לעבען, האט זיך צובונדען... דער בונד איז צופאלען געווארען אויף פיעלע קליינע בינטע־לאך... דיא מעהר פעהיגע צוויטען זויא זיינען זיך צולאפען. יעדער צו האפען פיר זיך א שטיקעל עולם הזה—... אהנע זיך צו קיממערן וועגען זיינע איבריגע ליידענדע גלויבענס ברידער—וועגען זיין היים, וועגען זיין

פאלק, און האטווירקליך געלעבט אין וואָיל'טאג, אין א שעהנעם חלום—...

פלוצלונג—האט א שטארקער שטויס איהם אויפגעוועקט פון זיין חלום. ער האט ערוואכט און דערזעהן דיא טרויעריגע ווירקליכקייט. דיא זעלבע לאגע נור אין איין אנדער פארם; פריהער, כדי מען זאלל איהם ערקענען אז ער איז א איד—האט מען איהם אנגעטשעפעט א געל בענדעלע הינטען אויף'ן רוקען. שפעטער. כדי מען זאל איהם נישט דערקענען אז ער איז א איד האט ער זיך אנגעטשעפעט א רויט בענדעלע ביין קנאפ־לאך פון פארינט—

און מען האט איהם דאך דערקענט, אז ער איז א איד!—

און מען האט דעם סארט אידען נאך מעהר אנגעהויבען טרייבען פון זיך. האסען, פעראכטען און פערפאלגען—מען האט זייא אבגעגאסען מיט קאלטען וואסער.....

אט דא האבען ווי זיך אויסגעניכטערט און דערזעהן וויא אלע גרויסע בעלי בתים זיטצען זיך בעקוועם, יעדער אין זיין נחלה און היטען זייא אפ מיט זייער בלוט און לעבען—ויי האבען דערזעהן אז אפילו א אומהלע פון ווילדע ציגיינערס האבען זיך אין א קורצע צייט דערשלאגען צו זייער זעלבסטשטענדיגקייט, לעבען אין א אייגענער נחלה—סווינאפאסעס האבען זיך דערראביעט לאז זיין א קליינינקע לאנדעלע, א קליין קייזעריל. א קליין קאוארמעלע. א קליין פינאנס־קאסעלע, א קליין פארלאמענטעלע, א קליין פאליטיש שטיממעלע און קליינע קאנסולאך איבעראל... און ער—דער וואוילקענער, דער מיוחס, דער גרויסער פינאנס־קאפ, דער אלטער גרויסער קענער, חכם, עושר! טרייבט זיך אליין ארום אין דרויסען, און אפילו דיא קליינע מלוכה׳לאך ווילען איהם ניט ארייננלאזען צו זיך און ווען ער חאפט זיך אריין דורך איין הינטערטהירל און מען דערזעהט, טרייבט מען איהם ארויס דורך דעם גרויסען **טויער** וויא א הפקר הונד!...

דא האט ער זיך דערמאנט אז ער האט פערנאכלעסיגט אין גאנצען דען ציעל פון זיין רייזע, און האט זיך דערמאנט, אז ער האט אויך איין שטיקעל נחלה... און עס וואלט געווען דיא העכסטע צייט זיך אויך וויא אנדערע איינריכטען זיין היים און האבען זיין שטיקעל מלוכה.

נור צו א מלוכה מוז מען האבען א לאנד—און צו א לאנד מוז מען האבען א נאציאן! וואו איז ערגעץ דיא נאציאן?

מען בלאזט אין אללע טראמפייטען, מען פויקט **אללארם** אין אלע עק וועלטען, מען שרייבט, מען שרייט, מען רופט—און מען קען ניט ווי־סען צו די קולות זיינען שוואך און הייזעריג, צו עס איז נישטא ווער עס זאל זיך אנרופען אויף דיא קולות....

דען—וועהרענד די פלויטען וואס האבען ארומגערינגעלט די גהעטטא׳ס האט מען איינגעריססען, און דאס נאציאנאלע גארטעלע, וואס האט פעסט גע־האלטען דאס גאנצע יודענטהום האט געפלאצט. איז דיא נאציאן צוריסען

געווארען אויף קליינע שטיקעלאך און האט זיך פערווארפען אין אלע עקען פון דער וועלט... מאנכע זיינען צו שמאלצען געווארען אין דער גרויסער מאסע, און די וואס זיינען געבליבען, פערשטעהט ניט איינער די שפראכע פון דעם א.דערען,... א טהייל ווייסען ניט ווער עס רופט זייא, א טהייל פערשטעהן ניט וואס מען רופט זייא, און דיא וואס שטויסען זיך אן צו וואס מען רופט זייא זיינען גאר אין כעס פאר וואס מען רופט זייא! אט דא ליעגט דיא שווערע ארבייט! —

צוזאמענשארען די פערטריקענטע ביינער! איבערציהען זייא מיט איין נאציאנאלער הויט, אריינבלאזען צוריק אין דעם גולם זיין אויסגע־וועבטען לעבענס גייסט, און דאס שווערסטע — שאפען אין דעם שוין לע־בעדיגען א „ווילען“ ער זאלל ווערען... ער זאלל וועלען זיין א...

א וואס? — א מענש? — א מענש איז ער דאך זא וויא זא גלייך מיט אללע זיינע מיט מענשען; צווישען ווילדע איז ער ווילד, צווישען רויע איז ער אויך רוי. צווישען ציוויליזירטע איז ער אויך ציוויליזירט, צווישען רוחות איז ער אויך א רוח, צווישען מלאכים איז ער אויך א מלאך, צווישען מענשען איז ער אויך אזא מענש מיט אללע מעלות און חסרונות ווי אללע...

אבער אללע מענשען האבען זיך איינגעטהיילט אין ראססען; אללע ראסען — אין נאציאנען, יעדע נאציאן האט איהר ספעציעלע פאהן, איהר ספעציעלען נאמען, וואו זיא האט איהם איינגעקריצט אין איהר לייב און לעבען מיט דייטליכע דרייערליי פארבען, שפראכע, זיטטען, טראדיציאנען!...

נור איין פאלק בלאנדזשעט ארום אהן א פאהן, אהן א נאמען און ביי יעדער נאציאן וואו דאס בעט זיך איין צו וואוינען אין שכנות וויל עס זיך צו דעקען מיט יענער׳ס פאהן און אננעהמען יענער׳ס נאמען — וויל אבער יענע ניט לידען —...

די דייטשען שרייען מיט שטאלץ: „ווער זינד פאם דייטשען בלוטע“. — דער שכן שרייט נעביך: „איך בין אויך וויא איהר א צובלוטיגטער דייטש — וויללען דיא דייטשען ניט לידען...

דיא רוסען שרייען מיט שטאלץ: „נאשא מאטאשקא ראססיא“! — יא, שרייט דער אידישער שכן אויך „ראססיא איז דאך מיין מאמא אויך!“ — וויללען רוסען ניט לידען —

די פראנצויזען שרייען מיט שטאלץ: „פראנקרייך איז נור פאר פראנ־צויזען!“ — דער אידישער שכן שרייט: „און פאר מיר אויך!“ — ווילען די פראנצויזען ניט לידען... ענדליך דערמאהנט זיך דער שכן, אז ער האט אויך איין אייגענעם נאציאנאלען נאמען און וויל אויך אויסשרייען מיט שטאלץ: — „איך בין א איד!“

וויללען אידען ניט לידען! — —...

איהר זוכט דעם מענשען אין דעם אידען? זוכט דעם אידען אין דעם מענשען! וועט איהר געפינען אייער פערלארענע נאציאן! —

# 4

# וואו קומט אהין דאס אידישע קאפיטאל?

## איגהאלט:

גיבט מיר דעם „אידען”. — נאט אייך זיין לאגע. — א גרויסארטיגער דלות. —
זיך פארטשאדען מיט שטיינקוילען פאר דירה געלד. — „קויפט ניט בייא
אידען”. — דער איד איז ביים ברודער אין דער היים ניטא. — וואו
דער ביטעל ווערט געשוואלען, בעקומט דאס „אידישקייט” דיא
אויסצעהרונג! „געה צו אלדע שווארץ יאהר” ראמאנס מיט
מוזיק. — קויפען מפטיר בייא א צירקוס טענצערין. —
מיסטער שוהל־קלאפער געה צינד אן יאהרצייטען!, וואס
טייטש „פרנסה”. — פערגינט ניט יעקב'ן און
גיט אוועק עשו'ן. — וואס טהוען די אי־
דישע יורשים מיט דער ירושה אין
אויסלאנד? — א פדיון דעם
פאפסט. — נישט אידישע אר־
בייטער. — בייא אידישען
פאבריקאנט. — לאזט
איהם אפ. —

דיא סאציאל עקאנאמישע פראגע, איז איין אללגעמיינע פראגע, און ווענן דיא וועלט וועט האבען אויפגעלעזט דיא וויכטיגע פראגע פאר דער מענשהייט וועט זיא פאר'ן אידען, אַלס מענש, אויך אויפגעלעזט ווער־רען!... מיט דיא וועלכע זוכען צו בעהאנדלען ספעציעל דיא אידיש אינ־דיווידיועלע — עקאנאמישע פראגע, שטעהט מיינע בעהויפטונג פונקט אין ענטגעגענגעזעצטען פאל: — דאס הייסט איהר זוכט דיא פראגע אין דעם אידען! און איך זוך דעם „אידען” אין דער פראגע! — גיבט מיר נור דעם אידען וועט זיין אינדיווידיועלע עקאנאמישע לאגע פיעל וועניג פערבעסערט זיין פון זיך אַליין! —

וויא שווער און ביטטער דעם אידישען פראָליטאַריער קומט אן דאס שטיקעל ברוידט, וויא דאס אידישע פאלק האט זיך ניט אויסגעוואלגערט אין טיפע נארעם און פוסטע פעלדער! הפקר פיר אללע גיפטיגע שלענג און

ווילדע רויבטהירע און האט אימער געליטען עלענד, מאנגעל און נויט, וואס קיין שום אומה אין דער וועלט קענען ניט אויפווייזען אזא גרויסארטיגען דלות... דאך, ווען דער „איד" איז אַ איד געוועזען, האט ער דאך געהאט צו מעהר, צו וויניגער פּרנסה—ניע קען דיא סטאטיסטיק אויפווייזען, אַז אַ איד זאל זיך האבען דאס לעבען גענומען פאר ברויט־מאנגעל!... עס זיינען נאָך יעצט דא אזוינע שטעדטלאך, וואס קיין איינציגער גביר געפינט זיך דאר־טען—אַ שטעדטעל פון לייטער אָרימע לייט!.. און דאך האט מען ניט גע־הערט אַז אַ איד זאלל זיך האבען ארייגגעווארפען אין וואסער, זיך אויפגע־האנגען, זיך דערשאסען, זיך ארויסגעווארפען מיט דיא קינדער דורך אַ־פענסטער, אָדער זיך מיט זיין גאנצע פאמיליע פערטשאדעט מיט שטיינ־קוילען דערפאר, וואס ער האט ניט צו צאהלען דירה־געלד, אָדער ער האט ניט געהאט וואס צו עסען!—און ווען מען וועט הערען, אַז עס טרעפט יא אזוינע פעללע, דארף מען וויססען, אז דאס טרעפט זיך נור ביי „ניט אידישע אידען". — און דאס — ביי נישט אָרימע —

עמך ישראל צריכים פרנסה!—זעהר רעכט!—ביי וועמען זאל ישראל זוכען פרנסה אין דער פרעמד? דיא אומות העולם, ווייסט יעדער, פאר־שפּאַרען איהם אַ'ל'ע טהויערען פון רעעלע עמטער און פרנסות אפילו קיין דווארניק (הויזקיפּער) ביים מיניסטער אין הויף לאזט מען איהם ניט זיין... די קריסטליכע נעכסטען־ליעבע געהט אזוי וויט, אז פיעלע האבען זיך ניט געשעהמט ארויסצולאָזען עפענטליכע שטרענגע פּראָקלאַמאציעס — „נישט קויפען ביי אידען"! —

וואס זשע טהוט מען?

"לכו והתפרנסו זה מזה!"—מוז נעביך ישראל געהן צו זיין אידישען ברודער (געוועהנליך, פערמעגליכען) און איהם בעטען אַ שטיקעל פרנסה—איז היינט אָבער ישראל'ים אונגליק אַזוי גרויס, אז ווען ער קומט צו זיין אי־דישען ברודער טרעפט ער איהם קיינמאל אין דער היים ניט—ס'הייסט דעם ברודער טרעפט ער שטענדיג אין דער היים, נאר דעם „אידען" טרעפט ער שוין מעהר ניט ביים ברודער אין הארץ! — עס איז אַ מערקווירדיגער פאלל ביי אידען: אז אין דער זעלבער מאָאס וואס זיין בייטעלע ווערט וואס

אַמאָל מעהר געשוואלען, אין דער זעלבער מאָאס בעקומט זיין „אידיש־קייט" וואס אַ מאָ' מעהר—דיא אויסצעהרונג!!

בייא דער יעצטיגער פעלקער־וואנדערונג, אָדער ריכטיגער—יודען־וואנדערונג, ווען אַ איד ווערט געצוואונגען צו זוכען זיין שטיקעל פרנסה אין דער וויימער וועלט און קומט אין אַ פרעמד לאנד, טרעפט ער נאך דארטען אָן אַ בעקאנטע בעל הבתיש אידישע משפחה פון אידישע עהרליכע אַרבייטער, ווערט ער שוין פערזארגט מיט פרנסה—(מיט פרנסה זאג איך! ניט מיט פראטעקציע—שטיטצע, בעטלער צדקה, און שנארער נדבות)... טרעפט ער אָבער דארטען זיין גאנץ רייכען, פון אידישקייט שוין אויסגע־וועפטען קרוב, פערשליסט באלד דער קרוב דיא טהיר פאר דעם געמעל־דעטען ברודער'ס נאז מיט אַ טהייערען שטאלענעם שלאסס מיט אַ קלונג!... דער קונסט־שלאסס טהוט ניט קיין איינפאכען קלונג!.. אונטער דער מעלאָ־דיע פון דער קלינגענדער מוזיק זיינען אונטערגעשריעבען גייסטרייכע ווער־טער: „געה צו אַלדע שווארץ יאָהר"!—

נעהמט אָן, למשל, איין אָרימען שמש פון אַ פויליש אָדער ליטוויש שוהלכען פאָהרט אַוועק—נאָ, זאל זיין, למשל, נאך אמעריקא!—זעהר שעהן!—קומענדיג אַהין איז ער, למשל, רייך געווארען—זעהר שעהן!—אין פרייען לאנד מוז מען דאך לעבען פרייא און מען מוז שוין ניט פרעגען קיין שאלות בייא רבנים—זעהר שעהן!—ער מוז שוין ניט קויפען קיין „שטאט" אין שוהל און אַבאָנירט זיך ליעבער אויף אַ בענאָאַר־לאָזשע אין אַ טהעאַטער—זעהר שעהן!—ער אינטערעסירט זיך שוין מעהר ניט זיך צו דינגען איבער אַן עליה„ששי" אָדער „מפטיר" און דינגט זיך ליעבער אַ צירקוס—טענצערין און פרעגט זיך אָן בייא איהר „מפטיר"—זעהר שעהן!—זיין מיאוסע מיסעם יאַכנע סאָסיע טהיילט שוין ניט אויס פורים געלד אָרימע לייט, זיא טהיילט שוין דיא רייכע—זעהר שעהן!—ער גיט שוין ניט צו שטייער צו בויען אַ תלמוד תורה אָדער אַ אידישע שוהלע, און גיט בעסער צו שטייער טויזענ־דער צו בויען אַ קלויסטער—זעהר שעהן!—ער שעהמט זיך צו ווייזען צווישען אידען און קויפט זיך אַ הויז אָפּטאון און לאזט אַפילו קיין רייכען אידען צו זיך ניט אריין—זעהר שעהן!—יאָ, זעהר שעהן, זעהר שעהן, זעהר גוט

אַלץ פאר איהם אַליין, פאר דעם עגאָאיסט, און וואס האבען „אידען“ פון זיין רייכקייט פראפיטירט? — אלץ איין שלים־מזל! — פאר דיא אידען וואלט שוין גלייכער געווען ווען זייער מיסטער שוהל־קלאפער איז נאך אלץ שמש אין שוהלכען, טהיילט איין אורחים „טעג“ צינדט אָן יאָהרצייטען און ליכט־לעך פאר דיא אידישע קינדער וואס לערנען דארט תורה! — ...

פון מאנכע פערמעגליכע רייכע אידען האט אַ מאל אַ גאנץ שטעדטעל געהאט פרנסה. אַז איך זאג „פרנסה“ מיין איך ניט קיינע סאמעטנע קאוויארען, (קארפעטס) קיין גיפסענע און בראנזענע סטאטוען, קיינע ביפשטעקסען מיט בלוט און קיינע אויסלענדישע בעדער—איך מיין פשוט ברויט מיט סוף אין דער וואכען און חלה מיט אַ שטיקעל פלייש שבת און יום טוב און אַ בעט־טעל אויף צו שלאפען. דעם אידישען עושר׳ס קאפיטאל איז געבליבען אין שטאדט,—ניט ער, ניט זיין ווייב, ניט זיינע קינדער האבען עס פערפיהרט קיין אויסלאנד עס אויסצוברייננגען...; און ניט נור ביי זיין לעבען, נור אַפילו נאך זיין טויט האט דער גביר, גלייך מיט זיינע רעכטליכע יורשים, איבער־געלאזט עפּעס אויך פאר זיינע קרובים און אָרעמע לאנדסלייטע! ער האט דער שטאדט געלאזט נאך מעהר וויא דאס טויטע קאפיטאל, ער האט זייא איבערגעלאזט זיינע לעבעדיגע יורשים, וועלכע ער האט אַזוי ער־צויגען, אז זייא זאללען נאך זיין טוידט פארטזעטצען זיינע מעשים טובים, גלייך וויא ווען ער האט געלעבט אליין —

יעצט אז ער איז אַזויא שלעכט געווארען אז ער פערגינט ניט פשוט יעקב׳ן און גיבט אוועק מיט פערגעניגען עשו׳ן — ווען דער רייכער באנדיט מוז שוין זיין געשעפטליך צוגעבונדען צו די אידען פון זיין שטאדט, וועלכע ער האט אַזוי גרינדליך פיינד און ער קען שוין ניט אויף זיין עלטער משנה מקום זיין — טהוט ער זיינע אידען בדאי אָפּ אַ שפיטצעל און איז זיך נוקם אין זיין שטעטעל מיט דעם, וואס ער שיקט זיין יונגען יורש גיך אוועק פון דער היים, פון זיין געבורטסאָרט, רייסט איהם אַרויס פון זיין נאציאן מיט׳ן וואָר־צעל ער זאל אַפילו פערגעסען וואס ער גדענקט נאך עפּעס פון קליינערהייד פון אידישקייט און פערשיקט איהם אין ווייטען אויסלאנד, ניט מיט דעם צוועק צו שטודירען פרעמדע קולטור אָדער בעזוכען איין אינסטיטוט פון

וויסענשאפט און קונסט (דאס פאסט כלל ניט פאר אַ סוחר,) וואס ער טהוט שיין דארט געהט איהם ניט אָן, אַבי אין דערהיים זאלל זיך איהם ניט געלוסטען צו קומען, און ווען זיין פאפא לייגט אָן דארטען מיט'ן קאפ, לאזט ער אי־בער זיין פוילען גוף פאר זיינע אידישע ברידער און דאס גאנצע פרישע קאפיטאל בעציהט זיין יורש קיין אויסלאנד און צופלעכט דאס קאפיטאל, דאס אידישע געלד וואס זיין עליו הסרחה האט אָנגעראַבעוועט בייא זיינע אידען — צופלעכט דער יורש אין דיא שפיעל בענק, בייא דיא פערדלאך, שאנבאנעטען, זינגערינס און מעטרעססען...

קומט קיין פאריז, וויען, בערלין, מאָנאַקאָ, וועט איהר שעפפען נחת פון דיא קדישים—אידישע קינדער!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער שמועסט ווען דער איד קריכט אַריין אין די גרויסע מילליאנען דא־מאלס שעהמט ער זיך אַפילו אַ שידוך צו טהאן מיט זיין אייגענעם אידישען מיליאנער פון זיין ראסע. זיין גרעסטער שטאלץ און גליק איז ווען איהם גע־לינגט אַ שידוך צו טהאן מיט זיין טאכטער, מיט איין אָבגעניטצעוועטען, אַלטען, פאראליזירטען, רואינירטען פירסט אָדער פרינץ, וועלכער מוז זיך ערנידעריגען צו נעמען ביי'ם אידען דאס גרויסע פערמעגען, וואס די שעהנע זשידאווקע ברייננט איהם און לעבט—מיט אַנדערע... דיא מוטער פון דער טאכטער (אַ געוועזענע בערדיטשיווער אידענע ווערט אַ הייסע קאטהאָליטשקע און ווארפט מיט מילליאנען אין אלע קלויסטערס כדי דורך זייער פראטעקציע זאל זיא קענען האבען אַ זכיה צו קומען אין רוים פאר'ן הייליגען פאטער—אלץ פון אידיש קאפיטאל *!)

אָרימע אַרבייטער! איהר זוכט אפשר פרנסה ביים אידישען פאבריקאנט? אומזיסט! ער האלט גאר ניט קיין אידישע אַרבייטער: נישט ווייל ער געפינט דיא גוי'אישע מעהר פעהיגער וויא די אידישע; נור ווייל ער אליין איז שוין מעהר קיין איד ניט!—

וואס זשע דולט איהר אייך, נאך דאָ אין חוץ לארץ, מיט דער אידישער עקאנאמישער פראגע? לאזט איהם אָפּ! לאזט איהם אָפּ! זוכט ניט ביי'ם אידען קיין רייכקייט, זוכט פריהער ביים רייכעז דעם „אידען" וועללען אַללע אידען האבען פרנסה!—

# וואס דארף א איד פריהער—צו פרנסה? צו גימנאסטיק?

## איןהאלט:

אבפיהרמיטטעל און דער אנמערקונג.— סאלדאטסקע גבורה.— דיא ענטוויקלונג דער מוסקעלן.— דער ריעז פון פאטריאטיזם.— דיא ביהנע דער פערגאנגענהייט.— געשיכטליכע דראמא.—היסטארישע מואוינג פיקטשעס, עפפעקטפאללע דעקאראציאנען.— אז ישיר־מארסעלעזע.— צוויי הייממלישע טעלעגראממען.— די פראדוקטען אויסשטעלונג אין ירושלים. — דער גאלדענער ירושה־בעבער.— דיא גאקעטע ווענוס.— דיא פארמעט פאהן.— דיא קא־קעטקע אויפען מאסקען—באלל. - מארפיום אונטער א געפרעסט העמד. — גובר זיין דעם גרעסטען געגנער דער מענשהייט.— נעהמט צו דעם קליינעם ער וועט אונז איינשלינגען! — געזונדהייט פון תעניתים. — פאבריצירען קינדער מיט שוואכער ברוסט.— מאכען זיך הודעלקעס ביי זיך אין דער היים. — **דער פולס פון אידישקייט.** —

---

**מאנכע** פון אונזערע בעריהמטע ערצטע, וואס זייער פראפעסיאן איז צו קורירען דיא פיזישע ארגאנען פונ'ם מענשליכען קערפער, און ווינטשען אויך מיט זייער הילף ביישטייערען זייער חלק מס צור אללגעמיינער רעט־טונג אויך פון דעם גייסטיג קראנקען יודענטהום... קוקענדיג מיט בעדויערן אויף דעם בלאס מאגערען אויסגעדארטען אידעלע, מיינען זיי, אז אט באלד געהן נעביך אויס דיא כוחות פון דעם גאנצען אידישען פאלק..., זייא שרייען דארום אין איין **שטיק**, אז מען זאלל אללעם אוועקלייגען און זיך אפגעבען הויפטזעכליך מיט דער סאציאלער היגיענע פון דעם שוואכען פאלקעלע... זייא ראטהען דעם ארעמען אידען פאר אלעם: ריינע וואהנונג אונד קליידונג, פרישע ריינע לופט, געזונדע שפייזען; מעסטען זיין ברוסט און געפינען, אז דעם אידענס ברוסט איז פיעל שמאהלער וויא ביי אנדערע אומות און זייא ראטהען איהם איבערהויפט צו ענטוויקלען זיינע מוסקעלן דורך — גימנאסטיקע!

ווער קען דען צווייפלען אין דער וויכטיגקייט פון דיא פארשריפטען פאר דער געזונדהייט פון דעם מענשליכען קערפער? —

דיא פראגע איז נור, צו דער אָרעמער איד, בײַ זײַן יעצטיגער קריטישער לאגע, וואס ער וואַנדערט ארום צו זוכען אַ שטיקעל פרנסה פאר זײַן הונ־געריגער פאמיליע, צו דארף ער אַלצדינג אוועקלײגען און זארגען זיך קודם כל אפצוגעבען מיט זײַן גאנצער פאמיליע מיט גימנאסטיק? צו איז גאר יעצט דיא צייט צו ריידען דערפון?

אַנמערקונג:

צוריק מיט איניגע יאָהר האב איך אין ניו־יארק אליין בײַגעוואָהנט אין אַ הויז פאָלגענדע סצענע:—

אַ פוילישער יונגער מאן, וועלכער איז נור וואס געקומען מיט'ן שיף נאך ניו יארק, האט איבערגעלאזט זײַן ווייב מיט אַ פאאר קליינע קינדער־לאך אין קעסעל גארדען און ער אַליין איז דערווייל ארויפגעגאנגען אין שטאדט אָפּזוכען זײַנעם אַ קרוב, וועלכער האט געוואוינט אַ לאנגע צייט אין דייטשלאנד און איז אַזוי פארדייטשט געווארען, אַז ער איז געבליבען אַ נאַאיווער גוטמוטהיגער שוטה — מיט אַ פערשמאכט מאגער פנים האט דער יונגער מאן בײַא זײַן קרוב געבעטען צו אללעם ערשט אַ פּאָאר דאללאר ער זאל קענען קודם קויפען אַ ברויט מיט אַ ביסעל טהעע צו געהען גיך דער־קוויקען זײַן ווייב מיט דיא קינדערלאך, וועלכע זיטצען אין קעסעל גארדען הונגעריג און פערשמאכט פון וועג, זײַן קרוב, דער דייטש, אַנשטאט איהם ענטפערן אויף זײַן בקשה, האט מיט אַ שטוינענדער, אָבער בעדויערענדער מינע ערקלעהרט דעם יונגען מאן, אַז יעדער פרעמדער וואס קומט אָן אין ניו יארק, אום דיא ענדערונג דער אטמאספערע זאל איהם ניט שאדען צו דער געזונדהייט, מוז פאר אללע זאכען, נעהמען אַ אַבפיהרמיטטעל.

דאָס דארפען מיר ניט, ערקלעהרט איהם דער פוילישער קרוב—נור מײַן ווייב זוינגט אַ קינד און זייא וואלטען זיך מחיה געווען, ווען זייא האבען אַ ביסעל ווארעמע טהעע מיט ברויט צו דערקוויקען דערווייל דיא נשמה. —

אום גאָטטעס ווילען נור ניכט עסען!—ראטה איהם דער נאַאיווער דייטש— צוערסט איין אַבפיהרמיטטעל!—

וואס מיר „אַבפיהרמיטטעל“— שמייכעלט דער יונגער מאן—מיר זײַנען דאָ גענוג אויסגעהונגערט, מיר וואלטען געוואלט בעסער קודם עפּעס נעהמען אין מויל אַרײַן. —

בעוואהרע דער הימעל! איך ראטהע דיר נור ניכט עססען — איין אבפיהרמיטטעל! ווילסט דוא פיעללייכט היער קראנק ווערען? —

חלילה! מיר זיינען ברוך השם געזונד! נור מיר זיינען הונגעריג, מיר זיינען זעהר פערשמאכט פונ'ם וועג, דאס הארץ איז פער'חלש'ט, און א' ברויט מיט עטליכע גלעזליך טהעע וואלט אונז פשוט דערקוויקט. —

— איין אבפיהרמיטטעל, זאג איך דיר, זאנסט זינד זיא אללע פערלארען. —

— זאלל דער אויבערשטער היטען! עס וועט אונז גאר ניט שאדען, מיר וועלען זיך אליין איינקויפען, איך בעט דיך נור מיר אויסבארגען דערוויל א פאאר דאללאר.

— אך „דאס"... ליידער האבע איך ניכט גראדע ביי מיר זא פיעל, אבער איין פאר סענט קענסטו קענסטו האבען, אבער צוערשט איין אבפיהרונג. —

ווען דיא געעהרטע דאקטארען מיינען צו מעסטען דעם אידענס ברוסט מיט דעם רעקרוטען מאסשטאב און רעכענען צו ענטוויקלען זיינע מוסקעלן צום צוועק, ער זאל זיין נור א פעסטער סאלדאט צו פערטהיידיגען יענעם'ס פאטערלאנד האבען זיי אביסעל רעכט. זיי קענען זאגאר פאר אזא פאטריאטיזם פון דער רעגירונג שעהן בעדאנקט ווערען; אבער די רעגירונג קען דערביי ניט פיעל נוטצען ציהען און דיא אידען קענען מעהר נישט נור פערלירען איינינע טויזענד קינדער פון זייער שוים. —

דער קאלאסאלער מענשען פרעסער „מיליטאריזם" פאדערט פאר זיין יאטקע איין אונגעהייערע צאהל פון געזונדע מענשענאפפער — זיין עלעמענטארע ערציהונג בעשטעהט אין דער אויסבילדונג פון אונשולדיגע יונגע קינדער — פאר אונערשראקענע מענשען-מערדער! מען פערזארגט אין דער „שוהלע" יעדען מיט א שארף מעססער אין דער האנד און מען זאגט איהם אן, אז דער ציעל פון זיין לעבענס-קאריערע בעשטעהט: ענטוועדער אין דעם העלדענמוטהע יענעם צו הרג'ענען, אדער אין דעם קוראזש אליין געהרגעט צו ווערען. — צו אזא צוועק מוז דיא רעגירונג אנקומען גיכער צו עשו'ס ראססע, וואס זיין בערוף איז „גבור ציד!"; אבער אז זיא ווענדעט זיך צו יעקב'ס ואכבע, וואס איהר נאטורעל איז „איש תם יושב אהלים" און

שלעפט ארויס פון בית המדרש אַ צאַרט, עדעל, מאָגער, גייסטרייך בחור'ל, וואס אַ פליג צו הרג'ענען הייסט ביי איהם אַ גרויסער חטא, קען די רעגירונג פון אזוינעם גאר ניט געהאלפען ווערען; פיעל מעהר וואלט די רעגירונג נוטצען האבען זיא זאל אזוינעם לאזען שטודירען אויסארבייטען פון איהם אַ פעהיגען רעגירונגס—אָדער שטאַאטס—בעאַמטען, אָדער אַ טיכטיגען פינאנס מיניס־טער; ווייל די עדעלע אידישע ראסע מאכט שטענדיג גימנאַסטיקע מיט איהר מוח און אין איהר זיינען שטארק ענטוויקעלט דיא **געהירן מוסקעלן!** (אויב מען מעג זיך אזוי אויסדריקען.)—

דער אַזיאַטישער מלך האט אַ מאָל **בעססער** פערשטאנען דיא פע־היגקייטען פון אונזער נאציאן, ווי אונזערע מאָדערנע מעדיצינער, ער האט דניאל'ן נישט געהייסען ערציהען פאר א סאלדאט...—

ווינשען דיא געטרייע ערצטע גלאט, אז זייער פאלק זאלל זיין געזונד און האבען אַ פעסטע, דויערהאפטע נאציאן! אויף דעם חשבון מוז איך זייא טרייסטען, אז זייא זאלען זיך גאר ניט שרעקען פאר זיין נאטור בלאס מאָ־גערען טיפ—זייא ווייסען זייער גוט, אז דיא גרויסע געלעהרטע. וואס פיהר־רען א קאבינעט לעבען, קענען ניט האבען אזוינע געזונדע רויטע מאָרדעס וויא דיא קוטשערם אָדער מאטראָזען, וואס דיא דרויסענדיגע ווינטען פערסמאליען זייערע פנים'ער... און דווקא דיא בלוטארמע, נאטור־מאַגערע, עדעלע, רוהיגע מענשען קענען לייגער לעבען און נישט אויסגעזעצט זיין צו פיעלע קראנקהייטען, וועלכע דיא רויטהע געזונדע סאַנגווינער זיינען מייסטענס אונטערוואָרפען.—

לאזען נור דיא דאקטוירים א טאפּ טאהן ביא דעם בלאס־מאַ־גערען אומה'לע דעם דופק פון זיין געשיכטע און איהם א מעסט טאהן מיט דעם לאנגען טויזענד יעהריגען מאסשטאב דער פערגאנגענהייט וועלען זייא זיך איבערציינען אז ווערענד ער האט זיין רוקען איינגעבויגען צום לערנען, האבען זיינע צייטגענאסען, דיא געזונדע ספארטאנער, ענטוויקעלט זייערע מוסקעלן און קריעגס־גימנאסטיק, און דיא מעכטיגע רוימער האבען אויסגע־איבט זייערע קרעפטען אין דיא פאלקס־טורנירען. און חוץ דעם וואס דאס שוואכע פעלקעלע האט איבערגעליטען גלייך מיט אנדערע נאציאנען בשותפות אללערלייא מיתות פון דיא צורייצטע נאטור־עלעמענטע וויא פעסט, חאָלירע,

איבערשוועמונגען, שריפות, הונגערסנויטה, האט ער נאך פריוואט, אויף זיין אייגענער רעכענונג, דורכגעמאכט א לאנג געפעהרליכע רייזע פון פערפאלגונגען, פלאגען און מארטערן און האט דער ערשטער דורכגעמאכט דיא גרעסטע גימנאסטיק־שוהלע דער וועלט — דיא אינקוויזיציאן!!.. וואו מען האט איהם גענוג צוצויגען זיינע אדערען און גלידער... ווען דיא געעהרטע דאקטוירים זאללען וועללען דאס אללעס בערעכענען, וואלטען זייא נישט נור זיך בעדארפט שרעקען פאר זיין שמאהלער ברוסט, נור בעוואונדערן די איבערנאטירליך קערפערליכע גבורה פון זייער אומה'לע.—

איך קען נים אבלייקענען אז אין דער צייט פון איהר פאליטישער עקסיסטענץ, האט אויך דיא אידישע נאציאן געצעהלט נים וועניג פון איהרע שטארקע, מעכטיגע העלדען, זאגאר ריעזען! נור פערהעלטנים־מעסיג געגען דיא אונגעהייער גרויסער צאהל פון זיינע ווילדע געגנער איז זייער צאהל געוועזען זעהר קליין, און דיא פיעלע זיעגע, וואס דאס קליינע אומה'לע פלעגט געווינען איבער דער צאהלרייכער מאכט פון זיינע געגנער, האט ער נור געהאט צו פערדאנקען זיין גייסטיגער קראפט, דאס הייסט דעם פאטריאטיש־רעליגיעזען געפיהל, דער בעגייסטערונג פאר זיין הייליגען אידעאל, פאר זיין גאטט, וועמעס נאמען האט אין איהם געשאפען דעם מוטה צו דער גרעסטער אויפאפפערונג!—

גענוג מיט דיא טהעאריען! —

יעצט ערלויב איך מיר איינצולאדען מיינע געעהרטע דאקטארען, זייא זאלען זיך מיט מיר בעמיהען א קורצען וויזיט צו מאכען אין א קליין שטעדטעלע און דורך א שפארינע פון א קליין פענסטעריל חאפען א קוק אין דעם אינדיווידועלען פריוואט־לעבען פון איינעם פון דער וואהרער אידישער ראסע.—

חצות! — — עס איז האלבע נאכט — —

אבגעזאנדערט אין איין ענג קליין צימעריל, מעלאנכאליש בעלייכטעט פון א שוואכע פלאממע פון א חלב'ן ליכטעל, זיצט א פרישער מונטערער גייסט אין איין אלטען מאגערען קערפער, וועלכער איז אנגעבויגען איבער א גרויסען ספר — א פאליאנט, וואס ליגט פאר איהם אויף א פערשטויבטען טיש — דאס אלבאסטער ווייסע פנים פון דעם מאן איז ארומגעהאנגען מיט זילבער ווייסע לבנה-שטראהלען, וועלכע הענגען אראפ פון זיין קאפ און פון

זיין לאנגער באָרד — אויף זיינע ריינע ליפּען שוועבט אַ הימליש ערנסטער שמייכעל פון צופרידענהייט! אין דער פיערעקיגער ווייסער מאַרמאָר פּלאַטע פון זיין שטערען זענען איינגעפּאַסט צוויי שווארצע פונקעלנדע ברילּיאַנטען— דיא אויגען, וועלכע שפּיגלען אָפּ אין זיך דעם ווידערשיין פון זיין ליכטיגער נשמה... זיין ליכטיגע מחשבה ווארפט איין עלעקטריש־בלענדענד־קאָלירענ־דיג־ליכט און בעלייכטעט פאַנטאסטיש דיא סצענע פון דער גרויסער ביהנע דער פערגאנגענהייט... דער טונקעלער גרויסער פאָרהאַנג פאררוקט זיך אין אַ זייט... און פאר איהם שפּילט זיך אָב דיא גאנצע היסטאָרישע דראַמאַ פון זיין געליבטע טהייערע נאציאן,—דיא בילדער פערוואַנדלען זיך אללע מאָל פאר זיינע אויגען: — באלד זעהט ער לעבעדיגע בילדער פון זיינע היילּיגע אָבות, וועלכע פּאשען געמיטהליך זייערע גרויסע סטאדעס שאָף אויף שעהנע גרינע פעלדער. — דאס בילד פערוואנדעלט זיך—אין אַ גרויסען רוישענדען פּלאַטץ וואו זיינע עלטערען, בראַווע, פלייסיגע ארבייטער מויערען גאנצע שטעדט און שוויטצען און קרעכצען אונטער דעם שווערען יאָך פון זיינע אונטערדריקער,—נור באלד ווערט ער געטרייסט און מונטער, מיט פריידע זעהט ער דיא שעהנע דעקאָראַציאָנען פון דעם רוישענדען מעער, איבער ועלכען עם שפּאצירען טרוקען אריבער דיא מיל־יאַרדען בעפרייטע שקלא־פען, זיינע ברידער, אונטער זייערען געטטליכען אנפיהרער משה—און אלע צוזאממען פאנגען אן דאס שטארקע מעננער־קאָהר פון דער „אז־ישיר־מאר־עלעזע“ בעגלייטעט פון א פרויען קאהר פון מרים'ס קאפּעלע—ער זינגט מיט. ער איז פרעהליך. ער איז מונטער!—פּלוצלונג—שלאגט איבער זיין מוזיקאלישעס געמיטה א נייער קנאלל—עפּפעקט: פון א רויביגען בארג שלא־גען ארוים פייערדיגע בליצען און בעטויבענדע דונערען... און אין דער מיטט פון א געדיכטען נעביל, ארומגערינגעלט מיט גאלד בלענדענדע שטראהלען ערשיינט מאיעסטעטיש דער ערשטער געזעטצגעבער מיט דיא צוויי הימלישע טעלעגראממען אין דיא הענד... געשריבען מיט פייערדיגע בוכשטאבען אויף צוויי שטיינערנע לוחות, ביי וועלכען פארלעזען האפט אן א הייליג ציטטערנעש אויף אללע אנוועזענדע און זיי פאלען אויף די קניע!—

דאס שעהנע צויבערבילד פערוואנדעלט זיך אין א וויסטע!—דער ער־

שטער, גרעסטער פראפעסאר דער געזעצגעבונג שטעהט און שטודירט מיט זיינע אלטע און יונגע שילער אללע פאליטישע, סאציאלע, רעליגיעזע, פריי־וואט געזעצע, פפליכטען, מענשען־רעכטע פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידער־ליכקייט, מיט וועלכע די מענשהייט קען עררייכען דאס גרעסטע גליק אויף דער וועלט, און מיט וועלכע א נאציאן קען גדרייהען און פארטלעבען אין ווייטער עווינקייט.—

דיא אויסגעבילדעטע יונגע נאציאן האט זיך ענדליך בעזעצט אין איין לאנד, וואו עס זאל קענען דיא וויכטיגע טהעאריען אויסארבייטען אין דער פראקטיקע.—

נאך פערשידענע בילדער פון מלחמות אונד קעמפפע, זעהט ער זיין נאציאן אויפבליהען אין גרעסטען גלאנץ אונד פראכט און רייכטהום, פיעלע קעניגע מיט גילדענע קרוינען זעהט ער זיך אבוועקסלען אויף זייערע טראה־נען... און אין דער פראכטפאללער הויפטשטאדט ירושלים זעהט ער ארויס בלישצען דאס ריעזיגע וואונדערשעהנע רייכע געביידע פון דעם בית המקדש.—

אה! דאס מ׳נטערע לעבען פון דיא עולי רגל אין דיא ימים טובים. ווען דורך דיא גרויסע טויערען פאן דער קאפיטאל שטאדט פאהרען אריין אלע פראווינציאלע בירגער, קויפלייטע און בויערען מיט זייערע פערשידענע פראדוקטע׳ אום צו פייערן דאס יובילעאום (שמיטה) פון זייער גרויסער פראדוקטען—אויסשטעלונג! דאס גאנצע פאלק, קליין און גרויס פרעהען זיך, זינגען און טאנצען געמיטהליך אונטער דער זיסער מוזיק פון פערשידענע אינ־סטרומענטאל און וואקאל געזעגגע פון דיא פראכטפ׳ל שעהנע קאסטאמירטע כהנים אונד לוים... אין דעם מאמענט איז דער גענוס פון דעם צושויער אונבעשרייבליך... עס שפיעלען מיט, אללע סטרונעס פון זיין הארץ!.

עס קומט דער לעצטער אקט מיט זיין טראגישע ענדע...

דיא שרעקליכע סצענע פון דעם ברענענדען און פלאמען—שטעהענדען בית המקדש, דיא פראכטפאללע גלאנץ—שטאדט איז פערוואנדעלט אין אש און טרימער! ציון׳ס טייערע קינדער ווערען אוועקגעפיהרט מיט דעם עטאפ אין דער געפאנגשאפט!... אה, עס טהוט איהם וועה... זיין הערץ פאנגט אן צו בלוטען... און הייסע טהרערען איבערשווימען די בלע־

טער פונ'ם גרויסען ספר...— ער מאכט עס צו, דריקט א הייסען קוש אויף זיין טאוועל, און מיט ציטטערענדע הענד רוקט ער צו זיך—כדי זיין נשמה צו ערפרישען—דעם גרויסען גאלדענעם ירושה־בעכער, וואס ער איז אנגע־גאסען פול מיט קוויקענדען וויין פון נחמה, פון זיין אונפערגעסליכען דיכ־טער—קעניג דוד.— ער טהוט א געשמאקען זופ פון איהם און ערפרישט זיינע הערצענס־ליידען... זיינע וואונדען פערהיילען זיך ביסלאכווייז... ער זופט ווייטער פון דעם צויבער בעכער און ווערט מונטער, פרעהליך, ער ווערט בערוישט פון דעם שארפען זיסען געטראנק פון האפנונג און בטחון, אז זיין טהייערע נאציאן מוז געוויס ווידער אויפלעבען... ניין! עס קען לאנג ניט דויערען, לשנה הבאה — לשנה הבאה!...

* * *

עטליכע און אכציג יאהר זופט דער אלטער פון דעם בעכער! און דער מאגען איז איהם אלץ ניט פערדארבען געווארען... פערדאממט איהם! פערדאממט איהם דעם אלטען פאר וואס ער זיטצט נישט דורך די נעכט וויא זיין פיעל יונגערער ברודער מיט א חברה ניט־אידען ביים גרינען קאר־טען—טיש, שפיעלט אין האזארד שפיעלען... שכור'ט זיך אן מיט אללע גיפטיגע אלקאהלען, פרעסט זיך אן מיט אלערליי דעליקאטעסען פון פער־שיעדענע ווילד—פויגעל און געפרעגעלטע ווערים! שימפפט איבער דעם אלטענס געשמאקלאזיגקייט צו דער קונסט און סקולפטור, ווייל אין זיין ספרים—חדר געפינט איהר ניט וויא ביי זיינע מאדערנע ברידער שטעהן בורלעסקע—נאקעטע מארמאר—פיגורען, אדער אויף די ווענט גרויסע אויל בילדער פון דער היילינגער „צעציליע" אדער די נאקעטע „ווענוס".— פערדאממט דעם אלטען פאנאטיקער! וואס האט פעסט צוגעדריקט צו זיין הארצען זיין נאציאנאלע פארמעט—פאהן און קוסט זיא מיט פאטריאטיש—הייליגע הערצענס—פלאממען... און זיצט ניט בעסער, וויא זיין מאדערנער ברודער, די נאכט אין איין עקסטרא צימער ביים מאסקען באלל אין דער ליידענשאפטליכער אומארמונג פון א פערפיהרערישע קאקעטע—א ווייב, וואס געהער צו זיין חבר...—

ס'איז אמת! דעם אלטענס טלית—קטן איז א ביסעל קויטיקלאָה, זיין

העמד איז ניט געפרעסט, — קוקט אייך אָבער צו, ספעציאליסטען, צו דער זויבערער הויט, צו דעם ריינעם לייב, וואס אין דעם צירקולירט דאס ריינע, זויבערע, אונפערדארבענעם אונפערגיפטעטעס בלוט... איא? צו שפילעט נור דיא בריליאַנטענע קנעפליך פון דעם שנעע וויים געפרעסטען העמד פון זיין מאדערנעם ברודער! און זעהט דיא פיילע שטיק סטערווע אין זיינע בלוט—אָדערן, וואס זיינען פערגיפטעט מיט מאָרפין און פיעלע גלידער זיינען שוין פאראליזירט!... — וועלכער פון דיא ביידע — הערר דאקטאר — איז אייער געפעהרליכסטער פאציענט?.. — וואס? איהר שעהמט אייך מיט אייער ברודער דעם אידעאַליסט, וואס ער איז בלאסס, מאגער, שוואך (דאך ניט קראנק)? איהר בעדויערט איהם פאר וואס ער איז ניט קיין מאַ־טעריאליסט און בעזיצט ניט גענוג דיא פיזישע קראפט. דיא געזונדע קולאַ־קעס, דיא שטארקע מוסקעלן צו ברעכען שלעסער, צו האקען קעפ, אויפ־צושניידען לעבעדיגע בייכע־ וויא אַנדערע? — — איהר זעהט דען ניט וויא ער איז געזונדער פון אללע—איהר הערט דען ניט, וויא פאר דעם בלאס־סען, מאגערן, שוואכען נפש ציטטערן אַ גאנצע וועלט פון אַנטיסעמיטען?— איהר הערט דען ניט ווי יעדער אין זיין גרויס־רייך, שטארק לאנד שרייט: „געוואלד, נעהמט צו דעם שוואכען פון אונז! מיר און אונזער לאנד שטעהען אין געפאהר — דער איד וועט אונז אללע איינשלינגען!..*)

און ער דער אַלטער שוואכער לעבט זייא אללע איבער! אהן גימנאס־טיק! און טאמער יווילט איהר, וועט ער נאך אייך חוץ אללע ספעציעלע

*) אין א פראנצויזישען זשורנאל „לא פאטריע" אין דער צייט פון דער דרייפוס אפערע, האב איך געפונען א בילד, וואס איך האב'ס בעהאלטען וויא איהר זעהט דא—עס שטעלט פאר א אידעל אין דער געשטאלט פון א ווילדע חיה וואס עסט אין איין שטיק אויף פראנצויזישע גענעראלען — אונטען איז אונטערגעשריבען אין פראנצויזישען:

„דער שלינגער פון גענעראללען"

אז אך און וועה דער גרויסער פראנצויזישער נאציאן, מיט איהר מעכטיגען גענעראל־שטאב, און אז וואויל איז אונזער קליין מאגער פערדארט אומה'לע, וואס עקזיסטירט הונ־דערטער יאהרען פון תעניתים און פון א ווייזדעל פון א הערינג ביים „שלש סעודות", אז ס'האט דערלעבט צו האבען אזא מאגען צו שלינגען פראנצויזישע גענעראללען!... וואס זאגט איהר דערצו — דאקטארען? —

**LA PATRIE — 10 JUIN 1899**

## VORACITÉ




*Les avaleurs de généraux*

יאהר־תעניתים פאַסטען בה״ב. שרעקט אייך נישט, געעהרטע דאקטוירים! הערט ווייטער:

און טאמער ווילט איהר — עסט ער אויך ניט קיין אבר מן החי. — הערט ווייטער! —

און מיט דער שמאָהלער ברוסט פאבריצירט ער אייך א טוטץ קינדער אבער וואוילע יונגען, ווער שמועסט מיידען: שעהנע, געזונדע מיט רויטע פיסקעלאך—אז אללע אומות האבען צו זייא אַזש חשק. . . הערט ווייטער: און אז בייא דעם שוואכבריסטיגען 70 יעהריגען אלטען שטארבען דיא

ווייבער נעהמט ער אייך נאך אַ בתולה און שטעלט איהר צו אַ געזונד — קדיש'ל — אליין אָהן שותפים!...

און דיא רייכע, שעהנע, עלעגאנטע פראנצויזען וואס זיינען גערימהמט מיט זייערע שפייזען, עססען אַללערליי חיות, אללערליי פויגלען, אללער־ליי פישען, אללערליי פרישע גראָזען, און עססען 6 מאל אַ טאָג און איין מיטטאג קאסט גאר 30 פראנק און מעהר... און האבען דיא בעסטע לופט אין דיא שעהנע ברוסטען, און פאָהרען אויף דיא יאַגדען און מאכען דיא בעסטע גימנאסטיק—דאס גרויסע שטארקע פראנקרייך קלאגט זיך און שרייט געוואלד אין אַללע צייטונגען אַז עס פעהלט זייא אללע יאהר מענשען, עס קוממען ניט צו קיין קינדער... און מען האט געמאכט אַ געזעץ, אַז וואס פאר אַ פּאָאר פאָלק וועט צושטעלען אייגענע 4 קינדער בעקוממט עס פון דעם פרעזידענט אַ גאלדענעם מעדאל... —

און וואס פאר א פנים גלאַט האט עס גאר אין גאנצען זיך שטעללען אין דער פרעמד פאר יענעם ברעכען דיא קריזשעס? און דיא דאקטארען ווילען אַז אַ הימאַרידענדיגער מלמד אדער דיין זאלל זיך פארטשעפּען מיט ביידע פים אויף אַ טראפּעזע אראפּ מיט'ן קאפּ און דיא פאלעס און דער טלית־קטן און דיא פּאות זאלען איהם באמבלען איבער'ן פנים? — פערזארגט איהם פריהער מיט אַ אייגענע היים וועט ער זיך דארטען אפשר אויך מאַ־כען הודעלקים...

לאזט איהם אָפּ! לאזט איהם אָפּ! דעם ארמען אידען! זארגט אייך ניט פאר זיין ברוסט און מוסקעלן! נישט דער יעקב איז קראנק, דער „איש תם יושב אהלים“ — דער דרויסענדיגער, וואס ער מיינט ער האט שוין עשו'ס גבורה דער איז קראנק! — טאַפּט אָן זיין דופק וועט איהר הערען וויא דער פולס פון זיין אידישקייט קלאַפּט ניט רעגעלמעסיג...

אָט אָט באלד וועט איהם זיין נשמה אויסגעהען צווישען דיא גוים... און עס וועט ניט בלייבען קיין זכר פון דעם מוסקולעזען גבור מיט שוואכען גייסט—אָבער דעם שוואכבריסטיגען'ס גבורה ליגט אין זיין שטארקען גע־זונדען גייסט און דערפאר האט ער איבערגעלעבט אללע גבורים און וועט נאך לעבען אין דער עוויגקייט!!—.

6

# דיא כריסטאמאטניקעס.

## איגהאלט:

ניקאלאי דער ערשטער און דער אוקאז פון קינדער רעקרוטירונג. — קאזיאנע שולען.— זיך גוט בעדייטשט.— שיללערס „גלאקע“ און דער „עבודת הבורא׳ניק“.— „קאזיאנע יעווריעסקי גוים!“— יעווריעסקי שאנו קוראים על שום מה? — דיא ארעמע קישעלעך און שבת דיגע לייכטער.— מאך מיר ניט טריפה מיין כשר טעפעל. — בעססער צווישען גוים א „איד“, איידער צווישען אידען א „גוי“.— דיא קוואטשקע מיט אונטער־געלייגטע קאטשענע אייער.— קו־קוריקא און קווא קווא קווא! —

---

ניקאָלאַי דער 1 טער האט אַרויסגעלאזט זיין „אוקאז“ צו נעהמען בייא אידען רעקרוטען, קינדער פון 6 ביז 8 יאָהר אלט!... מען האט געזאגט, זיין פלאן איז געווען אַרויסצורייסען דיא יונגע צווייגעלאך פון זייער אידי־שען באָדען, פון זייער היים, פאַרשיקען זייא טיעף אין רוסלאנד, וואו עס וועט איהם זיין לייכטער צו פערניכטען זייער נאַציאָנאַליטעט דורך דער — שמד!—און אַזוי איז עס געווען! פיעלע אידען האבען אָבער זייערע קינדער אבגעראטעוועט, זייא האבען זייא אויסבעהאלטען ביז איבער דער גזירה און מייסטענס אַריבערגעשיקט דעם גרענעץ.

ניקאָלאַי האט שפעטער געמוזט אויפגעבען זיין צוואנגס־מעטהאָדע ווייל איהם איז געפעללען געווען דיא עצה פון איין אויסלענדער—אַ דייטש, וועל־כער האט איהם גערעאטהען צו מאכען דיא בילדונג פאר „כאַפּ־שטיינ־לעך“... דיא „חיה׳לעך“ פרייוויליג צו פערנארען אין זייער אייגענעם קבר... אַ לייכטערען און שנעלערען וועג צו פערניכטען דעם אידען׳ס נאַציאָנאַליטעט און גלויבען—... ער האט איהם געזאגט מיט די ווערטער:— ווילסטו ניט האבען בייא זיך אין לאנד קיין „זשידעס“ — גיב זייא „ביל־דונג“!.. — און אין אַללע אידישע שטעדטלאך זיינען געעפענט געווארען „קאַזיאַנע אידישע שוהלען“ מיט דעם לעקעביל, אַז דאס קינד וואס וועט אַריינ־טרעטען אין דער שוהלע ווערט בעפרייט פון רעקרוטען—ניקאָלאַי׳ס אַבזיכט איז ניט געווען אַזויא אויסצואַרבייטען פון זייא געבילדעטע שטאאטס־בירגער

רעפארם אוז פראגרעס זיינען זעהר וויכטיג און פון גרויסע נוטצען פאר יעדער נאציאן און פאלק, וואס בעזיצט איין אייגען לאנד און פיהרט איהר אייגענע פאליטישע עקסיסטענץ — וויא א גוטער רעגען אין דער צייט און וויא דיא ווארימע זון גיבען זייא צו זאפט און בעפרוכטען דעם גרויסען שטאם ער זאל זיין איממער פריש און זאלל אויסשפרייטען זיינע צווייגען און בלעטער און ארויסגעבען דיא בעסטע זאפטיגע פריכטע, וועלכע ערנעהרען דיא גאנצע נאציאן. — עס זיינען דא פיעלע ביישפיעלע, נור מיר וועללען זיך בעגניגען אונטערצופיהרען דעם נאהענטען, וועלכער קען אונז דיענען צום בעסטען בעוויז פון אונזער השערה: — —

רוסלאנד איז געוועזן גרויס און שטארק אבער נאך רויה אוז אונקולטיווירט! — פיאטער דער גרויסער האט איינגעזעהן אז אהן רעפארם קען דאס לאנד ניט אויפבליהען, און האט צו דעם צוועק בעצויגען פיעלע געלעהרטע פון אויסלאנד זייא זאלען דיא רוססען אונטערריכטען אין אלע צווייגען פון ווירטהשאפטליכען, עקאנאמישען און פאליטישען לעבען. דיא געלעהרטע אויסלענדער זיינען אזוי וויט בעשיצט געווארען, אז פאסט אללע גרעסטע עהרענשטעלען און רעגירונגס-עמטער זיינען בעקליידעט אויסשליסליך פון דיא אויסלענדער, וועלכע האבען ווירקליך אויפגעהויבען רוסלאנד און עס געשטעלט אויף דער ניוואה פון דער העכסטער שטופע דער ענטוויקלונג —.

אָבער זייער גאנצע קולטור, רעפארם און פראגרעסס האבען אויף קיין האאר ניט געענדערט, נישט בעריהרט דעם רוססישען נאציאנאלען גייסט... אומגעקעהרט, דער רוססישער נאציאנאלער גייסט האט זיך נאך אזויא פערשטארקט, אז ער האט זיך בעשטרעבט מיט דער צייט צו פערדרענגען פון זיך דיא אויסלענדישע עלעמענטע און זיין איינפלוס, און דיא וועלכע זיינען געבליבען אין לאנד האבען געמוזט רוססיפיצירט ווערדען. רוסלאנד איז געבליבען רוססיש! מיט זיין רוססישער קליידונג, מיט זיין רוססישער שפראכע, מיט זיינע רוססישע מדות, (טראדיציאן), מיט זיין פראָוואסלאַווּנע רעליגיאן און מיט זיין „רוססקי דוך". — — — —

און אַזוי געהט עס מיט דיא גרעסטע ציוויליזירטע נאציאָנען, — וויא א פעסטע פעלזען אין מיטען ים שטעהט פעסט דער נאציאנאַלער גייסט פון

יעדער נאציאן מיט איהר שפּראכע, געבּרייכע און טראדיציאן, און קיינע שטורמישע חוואליעס פון פּראגרעסס, רעפארם און מאָדערנע קולטור זיינען ־ימט אימשטאנדע דעם גייסט אפּצושוואכען.—

אנדערש געהט עס מיט אַ נאציאן, וואס זיא האט קיין אייגענעם פעסטען באָדען, קיין אייגענע פּאָליטישע עקזיסטענץ — אדער לאמיר גלייך זאגען, מיט דעם עוויג וואנדערענדען אידישען פאלק, וואס זיין עקזיסטענץ אין דער פרעמד בעשטעהט נור אין זיינער טראַדיציאן און זיין נאציאנאלען גייסט, און אזוי וויא איהם פעהלט דער פעסטער באָדען און דיא פּאָליטישע איינריכטונג, איז יעדער רעפאָרם פאר איהם אַ טויטליכער שלאַק; וויל זיא מוז ציעלען דירעקט וויא אגיפטיגע פייל פונקט אין זיין נאציאנאלער ברוסט און פערוואנדעלט זיין גייסט, וואס דאס איז זיין גאנצעס לעבען.

דערפאר ציטטערן אזוי די געטרייע פרומע אידען פיר יעדער רעפארם און קוקען אויף יעדען רעפאָרמאטאָר וויא אויף אַ שונא וואס געהט אויף זייער לעבען, וויא אויף אַ רויבער וואס זוכט אוועקצורויבען פון איהם זיין גייסטיגען אוצר. און פאר גרויס שרעק מען זאל ניט קענען צוטריט האָבען צו זייער „אוצר” זוכען זייא איהם ארומצורינגלען מיט אַ פעסטונג און פערשטעלען איהם מיט אַ באריקאדע פון פערשידענע גרויסע, קליינע, שטארקע שווערע שטיינער פון גדרים און חומרות וועלכע קוממען זייא נור אין דיא הענד אַריין... דערפאַר שעטצען זייא און האבען דאס גרעסטע צוטרויען צו דיא תנאים, גאונים און מפרשים, וועלכע בריינגען זייא צו וואס מעהר סיג׳ען, חומרות און דינים צו בעפעסטיגען דעם בלאָק... און אויף יעדען רעפארמאטאר, אויף יעדען זאגאר גייסטרייכען אינזשעניער, אָדער אַרכי־טעקט, וואס ווינשען נור דיא אָנגעוואָרפענע און אונאָרדענונג פעסטינגס־מויער בריינגען צו אַ בעסערער מאָדערנער ארדנונג און איהר געבען אַ שעהנערע פארם — קוקען זייא מיט דעם גרעסטען פערדאכט און זיינען זייא חושד, אז זייא זוכען צו צו־ווארפען דיא פעסטונג כדי איינצודרינגען אין דיא קדשי הקדשים און בערויבען זייער גייסטיגען אוצר.

דעם בעסטען בעוויז פון אַללע גיבען דיא צוויא גרויסע ליכטער פון ־ידענטהום, דער „רמב״ם” און „רש״י”, — רש״י וועט אייביג לעבען זאלאנג

אין א אידען וועט נור פליסען דאס אידישע בלוט אין דיא אידישע אדערען! ער איז נור געווען א קאמענטאטאר, איין איבערזעטצער, ער האט נור ערקלעהרט אללע דונקעלע שטעלען און שווערע פסוקים פון דיא אידישע היילינע ספרים אין דעם אידישען גייסט... און נישט נור האט ער זיך געהיט פון „רעפארם" נור אום צו בעווייזען דעם אידען, אז יעדעס פיצעלע טראדיציאן איז איהם הייליג, האט ער יעדעס ווארט, יעדען פאקט, יעדע לעגענדע, וואס קען נור האבען א צווייזייטיגען זינן, גענוממען ערנסט און האט עס פערהייליגט...— ער האט געוואוסט אז ער לערענט מיט א פאלק און דאס פאלק מוז לערנען די תורה מיט אמונה און געגוג!— אי וואס, טאמער וועללען מאנכע פון פאלק בעזיצען דיא פעהיגקייט זיך אויסצובילדען און וועלען לעזען דיא תורה שפעטער מיט א קריטישען בליק און א ביסעל חקירה'ן—מעגען זייא זיך אליין—נור ער וויל אויף זיך דעם אחריות ניט נעהמען איהם פארדרעהען דעם קאפ באלד מיט פילאזאפיע... זיין חוב איז געווען, צום ביישפיעל, ער זאל דעם פראסטען נאאיווען פרומען אידען ערקלעהרען דעם „שיר השירים" אין דער פארם פון א דיאלאג פון דיא כנסת ישראל צו דיא אומות העולם — אי וואס, טאמער וועט דער־זעלבער איד עלטער ווערען, געבילדעטער און אויפגעקלעהרטער און וועט דערשמעקען אז דער שיר השירים איז גאר א וואהרער שעהנער פאעטי־שער ראמאן? — נו זאל ער דערשמעקען! אבער שיר השירים וועט אלץ בלייבען ביי איהם א מייסטערווערק. מיט זיין עהרליכען וועג האט רש"י אבער גוט אויסגעשפיעלט אין צווייען: ניט נור ער האט זייא אויפ־געהעצט, נור ביידע קלאסען בלייבען צופריעדען, דער נאאיווער פרומער איד האט זיך געקוויקט מיט דעם שעהנעם משל פון דיא „כנסת ישראל און דיא אומות העולם" און דער שפעטער אויפגעקלעהרטער – קוויקט זיך מיט דעם פראכטפאללען דיכטערישען ליעבעס ראמאן „סאלאמאניאדא". מעהר נישט ער וועט וועלען האבען צו רש"י א פרעטענזיע פארוואס ער האט איהם יונגערהייד אפגענארט און האט איהם געזאגט אנדערש... אויב אזוי קען אויך יעדעס ערוואקסענע מעדכען אין דייטשלאנד, ווען נאך דעם ערשטען יאהר פון איהר הייראטהען זיא האט א קינד, האבען דיא זעלבע

פרעטענזיע צו איהר מוטטער, פארוואס זיא האט איהר יונגערהייד פאר געזאגט אז יעדעס נייגעבוירענעס קינד ברייננט גאר אריין אין זיין פיסק א פויגעל — דער שטארך?... אפשר האט דאס אויך רש״י בעקלעהרט, אז ווען ער שפרינגט ארוים אנפאנגס מיט דער וואהרער ערקלערונג פון שיר־השירים, ווצלט דער נאך רויהער פאנאטישער איד באלד בעטראכט דעם שיר השירים פאר א פראסטע ליעבעס מעשה פון א מלך מיט א מיידעל פאר איין אונמארלישעס, נישט אידישעס, אונטערגעווארפענעס ווערק... און וואלט עס געווען אין גאנצען ארויסגעווארפען פון דעם תנ״ך!...

רש״י האט זיינע איבערזעטצונגען געמאכט אין אידיש—עברית בעברית—חאטש ער האט געקענט פרעמדע שפראכען, אום די העברעאישע שפראכע מעהר צו בעפעסטיגען אין דעם פאלק. טאמער וועללען מאנכע פון פאלק וועלען קענען פ ר ע מ ד ע שפראכען... מעגען זייא זיך לערנען! נור ניט ער איז מחויב זייא צו לערנען פרעמדע שפראכען... ע ר פון זיין זייט, האט זיך מתחייב געווען צו לערנען מיט זיין אידיש פאלק — א י ד י ש! — טאמער האט זיך אמאל רש״י ערלויבט דאך צו איבערזעטצען איין הויפט־ווארט און האט עס בעססער געוואלט ערקלעהרען אין פראנצויזישען, האט ער אויך מיט דעם גאר ניט געפועל׳ט — דען אז ער האט זיך געפריווט אונטען, אין איין אנמערקונג מיט קליינע בוכשטאבען צו איבערזעטצען אין פראנצויזישען, למשל — „מתנה״ — „פ ר ע ז ע נ ט״ בלע״ז איז עס פארט יעדען מלמד אויסגעקומען, אז מתנה איז א פ ר י ז א מ ד י ל בלע״ז״ —

און מיט דעם וועג וויא ער האט פערשטאנען וויא אזויא מען דארף לערנען דאס אידישע מיט זיין פרומען אידען ער זאלל בלייבען א פרומער איד; האבען איהם דערפאר אללע פרומע אידען בייא זיך פערהייליגט און ער איז בייא זייא געבליעבען אונשטערבליך וויא זייא...

דאגעגען וואס האט דער ר מ ב ״ם הקדוש ביי׳ם אידען אויסגע־שפיעלט? — אנפאנגס, זאלאנג ער איז פאר דעם אידישען פאלק געווען איין פרומער רעליגיאנס — לעהרער און האט נאר מיט זיין קלאהרען מעטהא־דישען גייסט דיא דינים און דיא הלכות פון דער תורה שבעל פה גע־בראכט אין ארדנונג אין איין אי נ פ א כ ע ר פארם, איז דיא „משנה תורה״ אדער „יד החזקה״ אנגענומען געווארען פון אללע אידען און האבען איהם

אזויא הויך געשעצט אלס דער גרעסטער רבי כמעט וויא משה רבינו — (ממשה ועד משה לא קם כמשה). נור קוים האט ער אנגעהויבען צו פיליזאפירען, צו קריטיזירען, צו רעפארמירען דעם אידען און איז ארוים מיט זיין „מורה נבוכים“... אזוי? מיר זיינען גאר דיא „פארפיהרטע?“. און דוא ווילסט אונז גאר ארויספיהרען אויף א נייעם וועג! — א גוטען טאג ר' משה! — מיר בעטען אייך ניט איהר זאלט אונז פיהרען: ווייל איהר ווילט אונז „פארפיהרען“!... און עס האט זיך אנגעהויבען א קאבעניש — — יעדער ווייסט פון דער געשיכטע, וואס עס האט זיך געטאהן אין דער אלטער צייט דיא מחלוקת'ן, דיא מסירות, דיא רדיפות... וואו מען האט פערברענט עפענטליך זיינע ספרים...

איך רייד שוין אבער ניט פון זיינע געגנער—פון דיא רעליגיעזע אידען, וועלכע האבען איהם אוועקגעשטעלט... איך פרעג נור, וואס האט ער געוואונען, וואס האט ער אויסגעשפיעלט מיט זיין „רעפארם“ ביא זיינע אייגענע פריינדע, אנהענגער, ביי זיינע „רעפארמירטע“? וואו זיינען זיי, די אונדאנקבארע? — צו געפינט זיך היינט ביא איינעם פון זיינע משכילים א „יד החזקה“, אדער א „מורה נבוכים“? און ווען עס פארוואלגערט זיך נאך ביא איינעם אין דער שאפע א מורה נבוכים צו שטודירט ער מיט זיינע קינדער דיא ווערקע פון זיין גרויסען רעפארמאטאר? צו ווייסען אפילו זיינע ערוואקסענע קינדער פון דעם נאמען רמב"ם? — איך וויל ניט זאגען קיין ליגען — אין יענע צייט האבען זייא, זיינע אנהענגער דיא „רעפארמירטע“ דאך זיינע ווערקע פראטעזשירט, און האבען געפועלט ביא דער רוססישער רעגירונג, אז מען זאלל אוועקלייגען דעם „תלמוד“ אן א זייט און מען זאלל בילדען דיא אידישע קינדער פון דיא קאזיאנע שוהלען מיט דעם „יד החזקה“. אללע גרויסע שאפעס פון דיא שולען זיינען געוועזן איבערפיללט און פערפלייצט מיט דיא „דיקע רמב"ם'ס“—נור צו האט מען זייא געלערנט? צו האט א שיללער געוואוסט א ווארט וואס דארט שטעהט? — דיא שיללער וואלטען אפילו פון זיין נאמען ניט געוואוסט, ווען מען זאלל ניט געוועזן דיא דיקע רמב"ם'ס איינבינדען אין א שעהנעם בונד און נישט געוועזן צו שיינקען אלס פרעזענט דיא איינציגע אויסגעצייכענטע שיללער נאך דעם עקזאמען צום ענדע פון יעדעם יאהר!...

נור דעם בעסטען געברויך פון זיינע „יד החזקה'ס“ (וויא איך געדענק נאך אלס שיללער פון דיא קאזיאנע שוהלע) האט געמאכט דער גוי'אישער סמאטריטעל פון דער אידישער שוהלע (געוועהנליך איין אויסגעדיענטער „פיטפעבעל“) דיא מאססען געשוואלענע ביכער האבען זיך אזויא לאנג

געוואלגערט אין דיא שאפעס און אויפֿן בוידעם ביז שטיקער בלעטטער זיינען ארומגעפלויגען... און דער „סמאטריטעל“ האט צונויפגעקליבען דאס "זשידאוועסקי דראן“ און האט אויסגעהייצט מיט זיי דעם אויווען אפצוקאכען זיך צום פריהשטיק דיא פישלעך, וואס ער האט געפאנגען אללע פריהמארגען אין טייך...

נאך אללעמען האט דער רמב"ם חלילה נישט געשאדט דעם רעליגיעזען נאציאנאלען אידישען גייסט און דיא העברעאישע שפראכע! ער האט זייא געזוכט צו בעפעסטיגען און מאכען צוגענגליך צום פאלק מיט דעם וואס ער האט געזעהן צו ערלייכטערן אללע שווערע און דונקעלע שטעלען און זייא מ.כען פאפולער; פאר דער געלעהרטער קלא-סע אבער זיין רעליגיאנס פילאזאפיע האט ער געשריבען אין א פרעמדע שפראכע—דעם „מורה נבוכים“ האט ער אורשפרינגליך געשרי-בען אין אראבישען, און ער איז ניט שולדיג געוועזען וואס מען האט דאס פילאזאפישע ווערק איבערזעצט אין העברעאישען און האט בייא דיא פרומע אידען פערלארען זיין קרעדיט—.

נור ער מעג נאך בייא אידען הייסען א „קדוש“ געגען דעם שפע-טערען אידישען געלעהרטען און פילאזאף, וואס האט געזוכט אריינצו-שטופען אין דעם אידישען פאלק דיא „עבודה זרה“, דיא פרעמדע קולטור, וואס האט געפיהרט שפעטער צו געפעהרליכע פאלגען נישט נור פאר דער העברעאישער שפראכע, וועלכע האט אנגעהויבען ביים אידען אפשטארבען, נור דאס האט אנגעמאכט דיא געפעהרליכע „מיקראבען“, וועלכע האבען א צייט געטאטשעט און גענאגט דעם נאציאנאלען קערפער פון אידישען פאלק ביז ער איז קראנק געווארען...

א צייט האט זיך קיינער ניט געקימערט אפילו, נור א דאנק דער ציוניסטישער בעוועגונג, וואס דורך איהר איז מען אויפמערקזאם געווארען און מען האט זיך ארומגעקוקט אויף דעם אונגליק... דען ווען דער ציוניזם האט א פויק געטאהן צום אידישען פאלק ער זאלל זיך א שטעלל טהאן אויף דיא פיס, האט ער בעמערקט צו זיין שטוינען, אז קיינער ריהרט זיך ניט עפעס... נור אייניגע, שוואכע שטיממען האבען זיך עפעס געלאזט הערען וויא פון א קראנקען... ער געהט נאך דיא שטיממען און וויא ער קומט צו צום ארט האט דער ציוניזם פלעצליך, צו זיינער בעשטירצונג, דערזעהן א שרעקליך בילד.

דער שטארקער ריעזען קערפער פון יודענטהום ליגט אין א ליטארגיע... און זיין נאציאנאלע נשמה שטעהט איהם אויף דער שפיץ נאז!...

# דער „בערלינטשיק״ .

## אינהאלט:

מאזעס מענדעלזאהן . — פריץ! וואס האסטו געוואלט פון מיין קליאטשיע? — דייטשע אידען און אידישע דייטשען. — שמשון הגבור או זאלא׳ס „נאנא״ — זיים לערנען די אידישע ביבעל אין לשון הקודש און די אידען אין פרעמדע שפראכען. — דיא הגדה אין פראנצויזישען, מאנטא קריסטא אין זשארגאן . — מצה? איין „אפרעסניק״. — דרעהט זיך א דייטש אויפ׳ן פופיק ! — — — —

מיין ערשטע פפליכט איז אפצוצאהלען דער עטהיקעטע איהר חוב ! און מיט רעספעקט אראפנעהמען דאס היטעל, ווען איך וויל דערמאנען דעם נאמען פון דעם גרויסען מאן, וואס האט געהאט א זכיה ביי גאטט, וויא אללע זשעניעז, אללע גרויסע מענשען צו זיין א שליח פון א געוויסער מיססיאן אויף דער ערד און צוליעב דעם האט גאטט אין זיין מח אריינגעלייגט א גרעססערע פארציאן חכמה און שכל וויא אין אללע אנדערע געוועהנליכע מענשען, און האט איהם בעשיינקט מיט דער אייגענשאפט ער זאלל קענען אין זיך פעראייניגען דיא צווייא פערשיעדענע גייסטיגע עלעמענטע תורה און השכלה אדער פרומקייט און בילדונג, אדער רעליגיאן און פילאזאפיע. דיעזע גייסטיגע קאמפאזיציאן איז געווען וויכטיג ביי א געוויססע עפאכע, וואס האט געפאדערט צו פערטהיידיגען דאס פערפאלגטע יודענטהום פאר דיא געפעהרליכע שונאים פון דער קריסטליכער גייסטליכקייט . . .

צו אזא וויכטיגער מיססיאן האט געמוזט בעשאפען ווערען א וויכטיגע פערזאן .

און דיא פערזאן איז ערשיענען אונטער דעם בעקאנטען נאמען — מאזעס מענדעלזאהן . —

נאכדעם וויא איך האב בעצאהלט מיין חוב פון דרך ארץ, וועל איך מיר צוריק אנטהאן מיין היטעל . . . ניין — „נישט נור אנטהאן״, נור איך וועלל עס אנרוקען איבער דיא אויערען וויא א פראסטאק . . . און מיט א וויינענדיג געבראכען הארץ איהם א פרעג טהאן:

„אמת טאקי, דוא האסט דיר געמעגט זיין א פיינער בריה! אבער

וואס האסטו פריץ־לעבען נעביך געוואלט האבען פון מיין קליאטשע?"

דיא גוים האבען דענמאלט געמוזט האבען דעם טעות צו מיינען, אז דאס גאנצע אידישע פאלק בעשטעהט פון לויטער „מענדעלזאהן'ס" — אבער ער אליין וואלט ניט בעדארפט האבען דעם טעות זיך איינצורעדען, אז פון דעם גאנצען אידישען פאלק קען מען מאכען „מענדעלזאהן'ס".

אזוינע גייסטרייכע מענשען וויא ער וויא דער רמב"ם א. ד. ג. קען מען ניט מאכען, זייא קענען נור באשאפען ווערען. מענדעלזאהן אליין פאר זיך איז געוועזען א פילאזאף, א גרויסער דייטשער געלעהרטער און דערבייא אויך א למדן, איין העברעער — א „איד!" נור מיט דעם וואס ער האט געוואלט פון א גאנץ פאלק צו מאכען פאר געלעהרטע געביל־דעטע אידען, האט ער דער נאציאן נור שאדען געבראכט: ער האט זיא געמאכט פאר „אידישע דייטשען", ניט פאר „דייטשע אידען".

דיא רעגירונג האט שפעטער איהרע דייטשע אידען געגעבען גלייכע בירגער רעכטע און האט ניט געפאדערט בייא זייא קיין תנאי זייא זאללען ווערען אוים אידען.

פאר אוים אידען האבען זייא געמאכט זייערע אייגענע ברידער דיא אידישע דייטשען.

דען ביי געוועהנליכע מענשען וואס זייער מח איז ניט געשאפען מיט דער נאטור־קראפט, פעהיג צו זיין צו פעראייניגען אין זיך דיא צוויי דעלי־קאטע עלעמענטע „תורה און השכלה" און מען זוכט מיט געוואלד אין זייא ארייננצושטופען, מוז איינס פון דיאביידע עלעמענטע פלאטצען... ענט־וועדער דער פראסטער בלייבט רעליגיעז ביז פאנאטיזם און שמייסט אוועק דיא פרעמדע קולטור, אדער וויא ער נעהמט אריין אין זיך א גרויסע פארציע בילדונג — פלאצט אין איהם דאס אידישקייט...

דעם ערשטען בעווייז האט אונז געליעפערט זיין אייגענע פאמיליע. מענדעלזאהן'ס קינדער האבען זיך באלד א ווארף געטהאן צו דיא דייטשען און געווארען אוים אידען. וואס ווילט איהר? איך זאלל אייך זאגען זייא האבען זיך אויסגעשמדט!? — נו, דאס ווייסט איהר דאך אליין, וואס פאר א וועהטאג עס איז פאר אונז אידען צו הערען, אז זיין אייניקעל פעליקס בארטהאלדי, דער בעריהמטער קאמפאזיטאר, וואס האט גע'ירש'ענט דעם זשעניאלען גייסט פון זיין זיידען, האט זיך בעריהמט געמאכט אין דער וועלט אלס „דייטשער" קינסטלער, און צעהלט זיך צווישען דיא קריסטליכע זשעניען — ניט צווישען דיא אידישע....

דערנאך איז שוין דאס געגאנגען וויא א מזמור — און האט געבראכט

דיא מכה אויף דער אידעשער נאציאן — וויא מיר וועלען וויימער הערען...

דיא קולטור מענער, רעפארמערס, אססימיליאטארס פון דייטשלאנד וויא פון אנדערע לענדער, וועלכע האבען אויפגעדרונגענ אויף דעם אידען ער זאל לערנען זיין לאנדעס שפראכע (איך זאג „אויפגעדרונגען" וויל אין ענגלאנד און אין אַמעריקאַ דרינגט מען ניט אויף דעם אידישען עמיגראנט צו מוזען לערנען דיא לאנדעס שפראכע און ער קען זיא שנעלער און בעסער וויא אין אַנדערע לענדער), אַלזאָ אום אויפצודריקען אויף דעם אידען דיא לאנדעס שפראכע, האבען זייא נאך צו זייער ציעל געוועהלט פאלשע מיטטעל, זאגאר געפעהרליכע, פערברעכערישע. אַ איד אַז ער וויל גרינדליך קענען אַ לאנדעס שפראכע, מוז ער זיא אָנפאַנגען שטודירען פון איהר רייגער קוועלע פון דער לאנדעס־ליטעראַטור, דורכגעהן זיין געשיכטע, זיינע קלאַסיקער, א. ז. וו. פון זיין אַלטער טראַדיציאָן ביז אין אין זיין מאָדערנע נייעם סטיל—אזוי האבען דיא לאַנדעס שפראכע געלערנט דיא קולטור־מענער אליין.

מיט דעם אידישען פאָלק האבען זייא אָבער געלערנט מיט איין אַנדער מעטהאָדע, זייא האָבען גענומען פון זיינעט־וועגען איבערזעטצען אין דער לאַנדעס שפראכע זיין אייגענע ביבעל, זיין גמרא, זיין סדור, זיינע תחנות אפילו און זיין מעבר־יבוק. דער שאדען איז געווען אַ דאפעלטער. מיט דעם וועג האבען זייא פעררארבען אין דעם אידען דעם געשמאק פון דער לאַנדעס שפראכע, וויל דיא בעסטע איבערזעטצונג האט ניט דעם געשמאַק וויא דיא אָריגינאל לאַנדעס שפראכע, און האבען דער׳הרג׳ט אויף טויט דעם אידענ׳ס אייגענע העברעאישע שפראכע. דאָס אידישע קינד אין פראנקרייך, צום ביישפיעל, וועט גאר נישט שולדיג זיין אַז ער וועט קיין טעם נישט פיהלען, ווען ער וועט לעזען אין פראנצויזישער איבערזעטצונג דיא מעשה פון „שמשון הגבור"; דען קוים נור אין פראנצויזיש, וועט איהם זאָלא׳ס „נאַנאַ" בעססער געפעללען און אינטערעסירען.

אונזער ביבעל מוז מען לערנען ניט לעזען —.

איז דאס ניט אַ וועטהאג צו הערען, אַז פיעלע געלעהרטע קריסטען, וואס ווילען לייענען אידישע ספרים, לערנען זייא זיך אוים לשון הקודש אין לערנען דיא ביבעל און אַנדערע ספרים אין העברעאישען, און פיעלע פון אונזערע אידישע געלעהרטע לערנען זייער אייגענער גמרא פון „לאַטיין", און בעריהמטע העברעאישע ווערקע איז דער איבערזעטצונג פון פרעמדע שפראכען. האַ?

דיא אידישע פרויען אין פראנקרייך מוזען זאגען דיא „הגדה" אין פראנ־

צוויזישען און דיא „קאַמעליען דאמע“ און „מאָנטאָ קריסטאָ“ גיט מען זייא לייענען אין זשאַרגאָן.

דאס אידישע קינד אין רוסלאנד פרעגט דיא פיער קשיות אין רוססי־שען—דאָס וואָרט „מצה“ איז אין דער איבערזעטצונג „אַפּרעסניק“—קען דען האבען ביים קינד דאסווארט „אָפּרעסניק“ דעם זעלבען טעם, דיא זעלבע מאַגנעטישע ווירקונג און אַרויסרופען אין איהם דאס זעלבע נאַציאָנאַלע געפיהל וויא דאס ווארט „מצה“? ער ווייסט אַז „אָפּרעסניק“ איז אַ „קאָרזש“, א ווייך פלעטציל וואס נור אַ פויער קנייפּט פון דער פאזובע אַז ער קומט אַ זונטאג אין שטאדט אַריין, ווערהענד דער איד עסט מצה קיוט ער מיט זיין מויל ניט נור אַ דאַר קיכעל, נאר אַ שטיק טראַדיציאָן, אַ שטיק גע־שיכטע פון דער בעפרייאונג פון שקלאַפעריא — פון יציאת מצרים.

וויא ערנסט דיא אידישע קינדער זיטצען ביים סדר און מיט וואס פאר אַ שטרענג רעליגיעזער מיענע זייא בעגלייטען דיא צערעמאָניע ווערהענד זייא טונקען איין דעם מינדסטען פינגער אין דעם כוס און זאגען: דם, צפרדע, כנים, א. ז. וו. און וויא קאָמיש וואלט געווען דיא סצענע ווען זייא זאללען דאס זעלבע זאגען אין דייטשער איבערזעטצונג: בלוט, פרעשע, א. ז. וו.

דער קלוגער ר׳ יהודה פון דער הגדה האט זיך אנגעשטויסען וואס דא קען אַרויס פאר א סקאנדאל, האט ער באלד פערכאפּט און האט עס געמאכט קורץ און שארף — „דצ״ך, עד״ש, באח״ב“. — עס הייסט אויך אין דער אידישער איבערזעטצונג „עס דרעהט זיך אַ דייטש אויף דעם פּופּיק!“

מילא וואס דער דייטש האט זיך דארט גדרעהט אין דייטשלאנד און האט פערדרעהט אַללע קעפּ פון זיינע אידען ביז זייא זיינען געווארען ד י י ט ש ע ן, מאכט מיר ווייניג אויס—וועניגסטענס איז דאס זיין לאנדעס שפּראכע — דער פערדרוס איז נור, וואס דער דייטש איז דאמאלס גאָר אַריבער דיא גרענעץ און האט אָנגעהויבען צו פערדרעהן מיט זיין „דייטש“ דיא קעפּ פון ר ו ס ס י ש און פּ ו י ל י ש ע אידען. *)

צום אונגליק האט איהם נאך דיא צייט צוגעדינט.

דיא מעשה איז געווען אַזויא:

*) דיא אללע אויסלענדער וועלכע האבען אריינגעבראכט דאס דייטשע עלעמענט האבע דיא רוססיש־פּוילישע פרומע אידען גערופען דיא „בערלינטשיקעס“ און מענדעל־זאהנען האבען זייא גערופען „משה אדעססער“ אנשטאט „משה דעסויער“ ווייל דיא שטאדט אדעססא, איז בייא אללע פרומע אידען געווען פאררעכענט פאר דער ערש־טער הולטאיסקע, אפּיקורס׳שע, שארלאטאנסקע שטאדט, ערגער וויא סדום.

6

# דיא כריכטאמניקעס.

## אינהאלט:

ניקאלאי דער ערשטער און דער אוקאז פון קינדער רעקרוטירונג. — קאזיאנע שולען. — זיך גוט בעדייטשט. — שיללערס „גלאקע" און דער „עבודת הבורא'ניק". — „קאזיאנע יעווריעסקי גוים!" — יעוורעיסקי שאנו קוראים על שום מה? — דיא ארעמע קישעלעך און שבת דיגע לייכטער. — מאך מיר ניט טריפה מיין כשר טעפעל. — בעססער צווישען גוים א „איד", איידער צווישען אידען א „גוי". — דיא קוואטשקע מיט אונטער־געלייגטע קאטשענע אייער. — קו־קוויקא און קווא קווא קווא! —

---

ניקאָלאַי דער 1 טער האט אַרויסגעלאזט זיין „אוקאז" צו נעהמען בייא אידען רעקרוטען, קינדער פון 6 ביז 8 יאָהר אלט!... מען האט געזאגט, זיין פלאן איז געוועז אַרויסצורייסען דיא יונגע צווייגעלאך פון זייער אידי־שען באָדען, פון זייער היים, פאַרשיקען זייא טיעף אין רוסלאנד, וואו עס וועט איהם זיין לייכטער צו פערניכטען זייער נאַציאָנאַליטעט דורך דער — שמד! — און אַזוי איז עס געוועזן! פיעלע אידען האבען אָבער זייערע קינדער אבגעראטעוועט, זייא האבען זייא אויסבעהאלטען ביז איבער דער גזירה און מייסטענס אַריבערגעשיקט דעם גרענעץ.

ניקאָלאַי האט שפּעטער געמוזט אויפגעבען זיין צוואנגס־מעטהאָדע ווייל איהם איז געפעללען געוועזן דיא עצה פון איין אויסלענדער — אַ דייטש, וועל־כער האט איהם געראטהען צו מאכען דיא בילדונג פאר „כאַפּ־שטיג־לעך"... דיא „חיה'לעך" פּריוויליג צו פערנארען אין זייער אייגענעם קבר... אַ לייכטערען און שנעלערען וועג צו פערניכטען דעם אידען'ס נאַציאָנאַליטעט און גלויבען — ... ער האט איהם געזאגט מיט די ווערטער: — ווילסטו ניט האבען בייא זיך אין לאנד קיין „זשידעס" — גיב זייא „ביל־דונג"!.. — און אין אַללע אידישע שטעדטלאך זיינען געעפענט געווארען „קאַזיאָנע אידישע שוהלען" מיט דעם לעקעביל, אַז דאס קינד וואס וועט אַריינ־טרעטען אין דער שוהלע ווערט בעפרייט פון רעקרוטען — ניקאָלאַי'ס אַבזיכט איז ניט געוועזן אַזויא אויסצואַרבייטען פון זייא געבילדעטע שטאאטס־בירגער

אָדער ניטצליכע רעגירונגס—בעאַמטע, (דיא טויערען פאַן בילדונג האט ער באַלד פערריגעלט פאר זייא). נור זייא זאלען מעהר קיין א י ד ע ן זיין! און עס איז איהם געלונגען! —.

די געלעגענהייט פון דעם אויסלענדישען עלעמענט וואס האט דאַמאָלס געהערשט אין רוססלאַנד, האבען בענוטצט דיא אידישע דייטשען „דיא בער־לינטשיקעס" און האבען אונטערגערוקט דער רעגיערונג אַ מאַססע אידישע ספרים מיט ד י י ט ש ע ר איבערזעטצונג פאר דיא „קאַזיאָנע שוהלען" און האבען פאר דיא ספרים אָפּגענומען בייא דער רעגיערונג אַ ממון קרח! — אללע שוהלען זיינען געווען פולל געשטאָפּט מיט דיקע דייטשע ביבלען, רמב"ם׳ס, און סידורים, און מיר אללע אידישע קינדער פון דיא שוהלען האבען זיך געמוזט גוט בעדייטשען —

ענדע יאָהר נאָכ׳ן עקזאַמען האבען מיר געמוזט פאָרטראַגען אויסוועגדיג געדיכטע פון דייטשע קלאַסיקער: „דער גראף פון אַבסבורג" די „בירגשאפט" פאן שיללער און אַנדערע — איך געדענק, אַז אויף מ י י ן חלק איז אויס־געפאלל׳ען דאס שווערסטע פון שיללער׳ס געדיכטע „ד י א ג ל אָ ק ע" — דאָס גאַנצע הויז, דאס גאנצע שטעדטעל האב איך פערהילכט מיט דעם „גלאָק" — חדשים וויין האב איך איהם געהאַלטען אין איין שטודירען אויס־ווענינג. ער האט מיר אליין אַזוי פארדולט דעם קאָפּ, אַז פאַרטאָג, ווען דער „עבודת הבורא׳ניק" האט אַ געשריי געטהאן אין דרויסען: „שטעהט אויף צום עבודת הבורא! ישראל עם קדושים!" האב איך מיך אויפגעהאפּט און פערשלאָפענערהייד פאָרטגעזעטצט:

„פעסט געמויערט אין דען ערדען
שטעהט די פארם אין לעהם געבראנט
הייטע מוס די גלאקע ווערדען א. ז. וו.

מיר האבען זאָ לאַנג געקלונגען מיט דיא דייטשע גלעקקער ביז דאס קול איז. אָט הפנים, געהערט געווארען און געגרייכט ביז פעטערסבורג — און פאָניע האט זיך אויך אויפגעהאפט פון זיין שלאף און וויא אַ צודולטער אַ פרעג געטהאן, „וואס איז דאס עפּעס פאר ד י י ט ש ע קולות? מ י י נ ע אונטערטהאנען זאלל איך גאר אַליין אָנשטאפען מיט ד י י ט ש? און וואו איז ערגעץ מיין אייגענע רוססישע שפראך?!" — —

און דאס „דייטש" איז געווארען באַלד אָפּגעשאַפט — און מען האט זיך פלייסיג אָנגעהויבען צו נעהמען צום ר ו ס ס י ש ע ן; דער יונגער דור, וואס האָט זיך פריהער אַ ווארף געטהאן צום ד י י ט ש ע ן האט זיך באַלד אַ־ווארף געטהאן צום ר ו ס ס י ש ע ן און מען האט שטארק גענומען קנאַקען דיא „כ ר י ס ט א מ א ט י ע ס!" —

דערוויל — צווישען דער באבע און קינדבעטאָרען איז דאס קינד דער־שטיקט געווארען... צווישען די „בערלינטשיקעס“ און די „כריסטאמאטניקעס“ איז דאס אידישקייט דערקוועטשט געווארען... און צווישען דעם דייטשען און רוססישען איז נעביך די העברעאישע שפראכע גאנץ פערניכטעט געווארען— .

די קינדער, וועלכע האבען געבראכט פון חדר אַ ביסעל העברעאיש האבען עס שפעטער פערגאַכלעסיגט; נור די קינדער וואס מען האט אַ כאפּ געטאהן פון דער היים גלייך אין דער „קאַזיאָנע יעווריעסקי אוטשיליש־טשע“ איידער זייא האבען נאך געלערנט חומש מיט רש״י זיינען נעביך גע־בליבען „קאַזיאָנע יעווריעסקי גוים!“ —

„קאַזיאָנע“ שאָנו קוראים על שום מה?

על שום, וואס דאס אידישע געלד, וואס מען האט אויסגעהאלטען אללע שוהלען האט געמוזט ליעגען אין דער „קאַזניא“ —

„יעווריעסקי“ שאָנו קוראים על שום מה?

ווייל דאס געלד, וואס מען האט אויסגעהאלטען אללע שוהלען איז געוועזן פון דעם „סוועטשנאי־סבאָר“ — ליכט־פאכט! פון דער טאקסע, וואס די רעגיערונג האט אַרויפגעלייגט אויף די אידישע שבת׳דיגע בענש־ליכט און אַללע פרייטאג האבען די סאָלדאַטען געטראגען אין דער פּאָליציייא, קישענס און מעשענע לייכטער פון די אָרעמע אידען, וועלכע זיינען ניט געוועזען אימשטאַנדע צו בעצאהלען דאס טאַקסע־געלד פאר די שוהלען וואו מען האט געלערענט מיט זייערע קינדער אַללע געגענ־שטענדע נור אין רוססישען און אויף דעם שפּיץ נאָגעל — העברעאיש —

„גוים“ שאָנו קוראים על שום מה?

נישט אין דעם זינן ווי די פּאַנאַטיקער האבען עס געמיינט, נור אין דעם זינן פון וואהרער בילדונג אונד הויכע קולטור... פיעלע זיינען געבלי־בען „גוים“ אַפילו אין „גוי׳אישען“... זייא האבען קיין „גוי׳איש“ אויך ניט רעכט געקענט... קיין איינער פון זייא איז ניט אויסגעוואקסען אַ מין יצחק בעער לעווינזאהן אָדער אַ חוואָלסאָהן, וואס האבען אַזוי טיכטיג פערטהיי־דיגט דאס יודענטהום פאר די געפעהרליכע „עלילת דם“... און צו מאכען איין עק אין רוסלאנד מיט דעם „בלבול“ מיט זייערע זשעניאַלע טיעף־געלעהרטע ווערקע. נור ווי אַזוי דארט איז שוין געוועזן מיט זייער „גוי׳אישען“— איין זאך איז געוועזן פּאָזיטיוו — קיין העברעאיש האבען זייא גאר ניט געוואוסט און קיין „אידען“ זיינען זייא שוין אויך ניט געוועזן מעהר — קיין ראזעווע מעהל, קיין אויסגעבאקענע בולקע... נור אַ מין „זויערטייג“...

דערפאר איז שוין קיין וואונדער געווען, וואָס דער „אוקאַז“ פון עפּפּענען די שוהלען איז בּייא די פרוממע אידען געווען איין ערגערע גזירה וויא דאס „רעקרוטירען“... דאס שלעכטע בּיישפּיעל האט זייא אָפּגעשראָקען, זייא האבען בּאלד דערשמעקט די געפאהר, אַז די שוהלען זיינען נישט געקוּמען צו מאַכען פון זייערע קינדער געבּילדעטע אידען; נור אבּרייסען זייא פון זייערע פאַמיליען, פון זייער נאַציאָן אין גאנצען, זייא ס'הייסט, די פאנאטיקער, זיינען שוין בּדי צופרידען געווען אוועק צוגעבּען זייערע קינדער בעססער פאר סאָלדאטען, וואו אין ווייטע גוי'אישע שטעדט וועללען זייא מוזען לערנען גוי'איש, אָבּער צווישען „גוים“ און אין „גוי'אישע שוהלען“ דאס האט זייא ניט אויסגעמאכט — מוזטו שוין עססען טריפה... עסס דיר וועניגסטענס אין אַ טריפה'נעם טאָפּ, נור מאַך מיר ניט טרייף מיין כשר טעפּעל... זייא זיינען צופרידענער געווען אַז זייער קינד זאָלל בּעססער זיין צווישען גוים אַ „איד“ איידער צווישען אידען אַ „גוי“!...

זייא האבּען געזוכט אין זייערע קינדער אויפצובּעוואַרען און ערהאלטען דעם אידיש — נאציאנאַלען גייסט, כּדי אַז משיח וועט אַ מאָל מיט זיין שופר געבּען דעם ערשטען סיגנאל פון גלות — בּעפרייאונג און זעלבּסטשטענדיגקייט, זאלל בּאַלד ארום זיין פאהן אויסוואַקסען זיין אַלטע נאַציאָן אין איהר פאטריאָטישער פּרישקייט וויא אין די מכבּי'ער צייטען —.

דער שרעק פון די אמת פרומע אידישע עלטערען איז מקוים געווארען — צווישען זיידען און טאטען האט זיך געבּילדעט אַ טיפע שפּאַלטונג... די קינדער זייַען אָבּגעריסען געווארען פון זייערע עלטערן... אַזוי וויא די „קוואטשקע“ הון ווען זיא בּריהט אויס די אייער און עס דארפען אַרויס געהן הינדעלאך זיינען גאָר פלוצלונג אַרויס „קאטשקעלעך“ פון די קאטשענע אייער וואס מען האט איהר אָבּגענארט'ערהייד אונטערגעלייגט. אזוי איז אויך די אידישע מאַמע מיט די אונטערגעלייגטע בּילדונג פון איהרע קינדער. און פונקט וויא די „קוואָטשקע הין“ וואס געהט שפּאַצירען מיט איהרע יונגע הינדעלאך קינדער און קאטשקעלאך בּיים בּרעג פון אַ טייך, פלוצלונג שפּרינגען אַריין איהרע קאטשקעלאך קינדער אין טייך און שווימען אוועק! און די מאַמע שטעהט אויף דער יבּשה און קען זייא ניט נאָכשווימען... זיא פּרואווט זייא צוריק רופען מיט קלאהרער היהנערשפּראַכע... די קולות זיינען פערשידען;.. זייא פערשטעהן זיך בּיידע ניט; די הון הייבּט אָן צו "קוואקען" העכער, איהר מאַן דער האָהן, רייסט זיך אויך אויפ'ן גארגעל "קוקורעקי" — די קינדערלאך הערען זייא אָבּער ניט, זייא שווימען זיך אַלץ ווייטער און ווייטער און ענטפערן זייא נור פון ווייטענס מיט זייער „קוואַ... קוואַ... קוואַ...!“

# דיא „געִיורענע“.

## איִנהאלט:

דיא איבערגאנגז פעריאדע. — דער משל פון ראזשינקעז און ספירט.— דער משל פון די זאנגען, זויערטייג און ברויט.— דער משל פון זלאטאפאליער ווידען.— פונ׳ם אמעריקאנער אייניקעל און פון זיין טאטען דעם עמיגראנט.-- דער לאקשענער שטן— דער רויטער ים־קוגעל. — דער משל פון דעם מיטעל־אלטער. — אידישע טעכטער אין נאנען—קלויסטערם. — נשים צדקניות קאכען זייערע קינדער כשרה ראקעס און קוגעל אין חזיר־שמאלץ.— וואוילע יונגען בינדען דיא רצועה אויף די הינד. — מוסרים פון אידישע חדרים.— וואוכערער בעראבעווען זייערע ארעמע ברידער און שיינקען דאס געלד אויף רייכע קלויסטערס.— משומדים אהן סכנה. — איין ערגערע מכה. — — —

---

ווער איז שולדיג אין דעם וואס דיא פרומע אידען האבען זיך אַזויא דערשראָקען און האבען געקוקט אויף דער אונשולדיגער בילדונג וויא אויף אַ שרעקליכען אַשמדאי וואס איז געקומען אַוועקרויבען פון זייא זייערע קינ־דער, זייער רעליגיאָן, זייער גאנצעס נאַציאנאַלע לעבען? האט דען דיא וויסענשאפט עפעס צו טהאן מיט דער רעליגיאָן? מיר זעהן דאך פאָרט וויא פיעלע פון אונזערע פרומע זיינען געווען העכסט געבילדעטע און וויסענ־שאפטליכע מענער?! —

אין דעם זיינען שולדיג געווען דיא נייע קאַטעגאָריע חברה, וואס איז ענטשטאַנדען פון דיא „בערלינטשיקעס“ און „כריסטאָמאטניקעס“, וועלכע האבען דאס שעהנע פנים פין בילדונג אזוי צו קאליעטשעט, אַזוי פער־קרימט, אַז מען האט באמת געקענט פיהלען צו איהר איין אָבשאַי וויא מיר וועלען עס ווייטער בעוויזען, און דיא קאַטעגאָריע האב איך געסטעמפעלט מיט דעם נייעם נאמען דיא „געיורענע“,

אַזוי ווי דער נאָמען געפינט זיך ניט אין קיין ווערטער ביך און אין קיין ענציקלאָפידיע, מוז איך זיך אונטערנעהמען עס דייטליך ערקלעהרען:—

פיעלע וויסען, אז לויט דעם נאַטור־געזעץ דער אַבוועקסלונג, פער־ענדערען פיעלע געגענשטענדע זייער ערשטע פרימיטיווע פאָרם אין א־גאנץ גאר אַנדערע פארם; דער איבערגאנג. אָדער, דיא צייט וואס גע־דויערט דיא טראנספאָרמאציאָן הייסט דער איבערגאנגס פעריאָד! דאס זעלבע איז אויך אין דער קונסט — דאָס שטיקעל פילאזאָפיע ער־קלעהרט זיך גאר לייכט מיט פאָלגענדע משלים:

פון ראָזשינקעס טרייבט מען ספירט—עס הייסט: דיא ניטצליכע פרוכט ראָזשינקע פערוואנדעלט איהר טעם, איהר פארם, איהר נאַמען אין איין אנדערער נוטצליכער פליסיגקייט מיט איין אנדער טעם, און אַנדערע פארם און איין אַנדער נאמען — „ספירט” — דיא צייט וואס האט געדויערט איבערצומאכען דיא ראָזשינקעס אין ספירט הייסט „דיא געהרונג” — דער ארטיקעל טויג פיר זיך אליין שוין גאר נים — אין זיין שטיקעל צייט האבען דיא ראָזשינקעס גאר פערלארען זייער טעם, זייער פאָרם און קיין ספירט איז נאָך דערוויייל אויך ניטאָ—.

פון „זאנגען” מאכט מען „ברויט” —ביידע ניטצליכע געגענשטענדע! — אָבער אין דער צייט ווען דיא זאנגען זיינען שוין צומאהלען געווארען אויף מעהל, און קיין ברויט איז נאך אויך ניטאָ איז ענטשטאנדען א נייער גע־גענשטאנד דאס טייג — דאס זויערטייג, איז נור געווען א מיטטעל צו פערוואנדלען דיא זאנגען אין ברויט, אליין האט דאס טייג קיין ווערטה און טויג צו גאר נישט. —

דאס זעלבע געהט פאָר מיט דיא מענשען, דאס קען יעדער גוט בע־גרייפען און לייכט פערשטעהן בייא דער אידישער עמיגראציאָן.

נעהמט אָן א „זיידען”, וואס וואהנט שטענדיג אין שטעדטעל זלאטעפאָלי, איין עהרליכער אלטער, וואס פיהרט זיך זיין שטרענג רעליג־יעזעס און מאָראלישעס פאמיליען־לעבען, קענען מיר איהם בעטראכטען פאר א פיינעם סאָרט מענש אין זיין גראד—.

זיין אייניקעל, וואס איז שוין געבוירען געווארען למשל אין אמע־ריקא, האט מיטגעמאכט זיינע קינדהייט, זינע יוגענד, זיינע בילדונג, זיינע קליידער, זיין שפראכע, זיינע בעגריפפע גאר אין איין גאנץ נייער

געגענד און גאנץ אנדערע אומשטענדען און איז אויסגעוואקסען איין אַנדער סארט פיינער מענש אין זיין גראד: אַ וואהרער אַמעריקאנער בירגער—.

דער טאטע זיינער, וואס האט איבערגעלאזט זיין אַלטען פאָטער אין זלאַטאָפאָלי און האט זיך בעזעצט אין אַמעריקא, וואו ער האט געבוירען דאס קינד—אָט, אָט דער טאטע נעביך איז דאס „געוױרענע טייג"—פונ'ם זלאטאפאליער לעבען האט ער זיך אָבגעזאגט און צום אמעריקאנער לעבען איז איהם שווער זיך צו געוואהנען — ער ווייסט געווים, אז זיין אלטער טאטע אין זלאטאפאלי האט שטארק הנאָה פון זיין שבת'דיגען קוגעל — און זיין קינד אין אמעריקא, וועלכען ער האט ניט געוואלט דער ציילען צו ס'איז גאר דא אַ קוגעל אויף דער וועלט אין האט איהם באלד צו געוואהנט מיט אויסטעס. דאס אונשולדיג קינד, זיטצט ביים טיש און קנאקט זיך גע־שמאק מיט דער גרעסטער הנאה זיינע ראקעלאך, אָט דעם טאטען אַליין איהם איז נעביך זעהר ביטטער! ער זיטצט ביים טיש און די ראקעס וואס ער מוטשעט זיך צו קייהען צוליעב דער מאדערנע ציוויליזאציע פאללען איהם אויס באקום—ווייל אין דעם מאָמענט קומט איהם אויף'ן זכרון וויא אויף צו להכעיס, דער זלאטאפאָליער לאָקשענער קוגעל און וויא אַ שטן דערקוטשעט ער איהם מיט די זיססע ערינערונגען פון זיין טאטענס שבת'דיגען טיש... מיט דעם זיססען טעם וואס ער האט דאמאלס געפיהלט דערמאהנט עס איהם אין די עברה... און חאטש ער וויל זיך מאכען הארץ און בעקעמפפען דעם לאָקשענעם—שטן מוז ער דאך ארויסלויפען פונ'ם טיש און מחילה אויסברעכען דעם רויטען ים־קוגעל.

דער אינגערער געהיימער קאמפף ווידערהאלט זיך אויך אין די מאָ־ראליש און גייסטיגע מאָמענטען פון זיין לעבען—.

אזויא וויא מיט איינצעלנע מענשען קומט אויך פאר מיט גאנצע נאצ־יאנען:

צוריק מיט 2000 יאהר האבען מאנכע פעלקער אויף הנאה געהאט פון זייער לעבען און האבען זיך געלעבט, נאך זייער בעגריף, אויך גליק־ליך אין זייער ווילדקייט און רויהקייט—די ציוויליזירטע פעלקער פון יעצט־טיגער צייט פיהלען זיך געווים גליקליך—אבער די „איבערגאנגס—פעריאדע" פון דער ווילדער ביז אין דער ציוויליזירטער צייט, איז געווען די ער־גסטע אונגליקליכע צייט דער מענשהייט—... דאס איז געווען דאס מיטעלאלטער!...

אזא איבערגאנגס פעריאד האבען מיר געמוזט דורכלעבען אין יענער צייט ווען דאס יודענטהום האט געמוזט איבערגעהן פון פאנאטיזם אין

דער ציוויליזאציאן — דאס איז געווען דיא ערגסטע געפעהרליכע צייט פאר דעם אידען — אין דער צייט האט עס „געגעהרט“ און עס זיינען ענט־שטאנדען „דיא געיורענע“, דער יעזואיטישע צוועק פון דיא „געיו־רענע“ איז געווען צו פערניכטען דאס אידישקייט! פון וואהרע בילדונג איז קיין רעדע געיועז, — זייער בעגריף פון בילדונג איז בעשטאנען אין דעם, צו מאכען גאטט א לונגענפעהלער, אויסלאכען זיך פון זיין תורה, פון זיין שפראכע, פון אלעם אידישען. פאר גרוים רציחה, וואס זייא האבען שוין נישט געקענט אויסשניידען דיא געפעהרליכע מכה פון אידיש־קייט“ פון זיך וועלכע איז געווען פון קינדהייט אן אנגעוואקסען אין זייער לייב און נשמה, האבען זיי געפונען דיא נקמה ווענינגסטענס און ניט דער־לאזען אז זייערע קינדער זאלען זיך אנגעהמען פון דער קראנקהייט אידיש־קייט... זייא האבען געזעהן פערהיטען אז זייערע קינדער זאלען ניט וויסען פון קיין העברעאיש ווארט — אין שטוב האט מען באלד אונטערגעבראכט אללע אידישע מנהגים, אללע ימים טובים; דיא קינדער זאללען גאר קין בעגריף האבען פון זייא און זייער געשיכטע — דיא טעכטער האט מען אריין געגעבען אין נאנען קלויסטערס... זייערע נשים צדקניות האבען געקאכט פאר זייערע קינדער כשרה ראקעס און קוגעל מיט חזיר שמאלץ... און האַ־בען עס גערעכענט פאר בילדונג — מאנכע וואוילע יונגען האבען אנגעבונדען דיא רצועות פון דעם של ראש דיא הינד, זייא געלאזט ארומלויפען און האבען געקוואלען פאר געלעכטער — און האבען עס צו גערעכענט צו דער בילדונג. מאנכע זיינען געווארען פשוטע מוסרים — פער׳מסר׳ט דיא אידען בייא דער רעגירונג, בעווארפען דיא רעגירונג מיט פראשעניעס צו פער־מאכען אללע חדרים — גע׳מסר׳ט גוטע אידען וואס פאהרען ארום יאקבי און בעראבעווען דאס פאלק, וועלכעם זייא האבען אליין געהאסט וויא א שפין, ז׳עהרענד זייא אליין זיינען געווען דיא נידריגסטע וואוכערער און האבען מיט רציחה בעראבעווט זייערע ארעמע ברידער און אוועקגעבען דאס געלד אלס נדבה פאר רייכע קלויסטערס... א טהייל האבען גאר א שפייא געטהאן אויפ׳ן אידען און האבען זיך גע׳שמדט. —

נור דאס איז שוין געווען דיא קלענסטע מכה — אידען זיינען שוין גע־וואהנט מיט איהר און עס שאדעט זייא ניט — די ערגסטע מכה זיינען געווען דיא „געיורענע“ וועלכע זיינען פערבליבען אין פאלק און האבען וויא דיא מיקראבען שטיללערהייד געטאטשעט דיא יונגע ווארצלען ביז זייא האבען אנ־געמאכט אזוינע קערפערליכע און גייסטיגע וואונדען אין דער אידישער נאציאנאלער נשמה, אז זייא קענען זיך נאך ביז יעצט ניט פערהיילען!...

10

# די געפערליכע מעטהאָדע.

## אינהאלט:

ערציהען קינדער.— די איבערגעשראָקענע עלטערן.— פאַלשמינצער דער
קונסט.— אינטעליגענטע שבתי־צביניקעס.— דיא סדרות פון דער
עפּאָכע.— דיא ערשטע חזיר־לעקציאָן.— קאַפּאָטע און פראַג־
רעס— די תפלין— פאַרמעט פון קאַנט אַקטען— ישעיה׳ס
מליצה און דיא מאָדערנע ליטעראַטור פון „דעמיאַ־
נאַווא אוחחא״.— דיא קולטור פון ביללאַרדען
דאַמינעס און קאַרטען.— דאַס בלוטיגע טיטעל.—
דיא בראַווע אייניקלאך פון׳ם נייען דור.— דיא פּיזישע
און מאָראַלישע פּעטש.— גוים לערנען אידישע ספרים אין
העברעאיש.— אידען אין דער איבערזעטצונג פון אנדערע שפראַ־
כען— די אייניקלאך קענען ניט „פּאַקטערען״.— היט אייך קינדער!—

---

צווישען דיא שפּאַלטען פון מאנכע אידישע צייטונגען האט זיך דיא לעטצטע צייט וויא א העלער זונענשטראַהל דורכגעבראָכען דיא ליכטיגע פּיעל בעדייטענדע און וויכטיגע פראַגע, וועלכע קען האָבען, אהן שום ספק, דיא פרוכטבאַרסטע ווירקונג צו דער ענטוויקלונג און ווידער אויפ־לעבונג פון דער זאלאנג שמאַכטענדער און קראַנקער אידישער נאַציאָן —.

דיא וויכטיגע פראַגע בעשטעהט „אין דער ג ײ ס ט י ג - ק ו ל ט ו ר ע ל ע ע נ ט װ י ק ל ו נ ג פ ו נ ׳ ם נ ײ ע ם ד ו ר״ — און אַזױא װיא דיא ערציהונג פונ׳ם נייען דור אין אידישען נאַציאָנאַלען גייסט, איז שוין לאַנג געוועזען מיין פּרינציפּאַל־אידעע, מיין ליבלינגס טהעמא—דער גרונדשטיין, אויף וועלכען איך האָב אויפגעבויעט דאַס גאַנצע ווערק, רעכען איך פון דער גרעסטער וויכטיגקייט בעפאַר מיר וועלען צוטרעטען צו דער שווערער אַרבייט, צום אללעם ערשטען עקזאַמינירען, ו ע ל כ ע װעלען זיין דיא ע ר צ י ה ע ר פון דעם נייען דור? און אויב זייא זיינען נאָך נישטאַ—וויא זאָלל מען ערציהען דיא ערציהער?!״

איך וויל האָפען אז מיינע געעהרטע גלויבענס גענאָסען, וועלכע בעה־

מען זיך אונטער יעצט צו ווידמען זייער צייט און פליים צו דער וויכטי־גער און שווערער אויפגאבע, מיינען עס געוויס ערנסט, געוויסענהאפט, הער־צענס־טרייא וויא דיא פפליכט און שולדיגקייט פון יעדען וואהרען, הומאנען, געטרייען ברודער פון זיין נאציאן דארף עס צו טהאן. און מיר בלייבט זייא צו ווינשען מזל און הצלחה! –

איך ווייס אבער פון לאנגער ערפאהרונג, אז אונזער „איד", וועלכער איז שוין ניט איינמאל אנגעלערנט געוועזן פון זיינע אמאליגע שלעכטע בעלי טובה־ניקעס, פאלשע משכילים, דיא געוויא־ענע פאלקס־פערפיהרער – וועלכע ער האט צו פערדאנקען זיין יעצטיגע אונגליקליכע לאגע – איז שטארק איבער־געשראקען פון א מאל... און וועט ווייניג שענקען צוטרויען צו זיינע יעטצי־טיגע וואהרע פריינד און זאגאר מיט שרעק זיך אפוועדען פון זייא – דערי־פאר רעכען איך פאר וויכטיג:

1) אויפצווייזען דיא פעהלערן, וועלכע דיא אמאליגע „געוועזענע" ערציהער זיינען בעגאנגען מיט זייער פאלשע מעטהאדע און

2) אויפמערקזאם מאכען דיא נייע וואהרע פאלקס־ערציהער אויף דיא וויכטיגע קאנדיציאנען, וואס קען זייא פערשאפען קרעדיט אין דיא אויגען פון דיא עלטערן, וועלכע מוזען איבערגעבען אין זייערע הענד דיא קינדער, – אז דיא עלטערן זאללען מיט זייער פרייען ווילען, מיט דעם פולען צוטרויען זייא אנפערטרויען דעם נייעם דור–ניט וויא אמאל ווען מען פלעגט זייערע קינדער מיט געוואלד פון זייא ארויסרייסען אדער אויסנארען זייא דורך יעזואיטסקע צוקערלעקעבדיגע הבטחות.–

זייט דער איד איז פערטריבען געווארען פון זיין היים און האט גע־מוזט אין זיין וואנדערן אין דער פרעמד אללע מאל בייטען דאס קלימא– זיינע געוואהנהייט, זיינע זיטען, פלעגט ער ניט איינמאל פיבערען און קריינקען – אין דעם קראנקען צושטאנד פונ'ם פאראקסיזום, פלעגט זיך דער קראנקער איד אנכאפען אין יעדען ערשטען בעסטען, אדער נישט בעסטען רופא, אין דער האפנונג אז ער וועט איהם בריינגען די רפואה– וויא אין יעדער בראנזשע האבען זיך צווישען דיא וואהרע, עהרליכע, געטרייע דאקטוירים געיאוועט אויך זאגענאנטע „פאלשמינצער דער

ק ו נ ס ט", וועלכע געווים וועגען זייערען איין עגאיסטישען צוועק, האבען געברויכט פיעלע שארלאטאנסקע טאשענשפילערישע מיטעל כדי וואס מעהר צוציהען אויף זיך דיא אויפמערקזאמקיט פון דעם גאפענדען פערטומעלטען פעבעל. —

דאס פאָלק האט זייא געגלייבט בלינד און איז—נהרג געווארען!—נאָך דיא רעליגיעזע פאלשע משיח'ן האבען זיך געיאַוועט א י נ ט ע ל י ג ע נ ט ע שבתי־צביניקעם! — — —

זייער מעטהאָדע האבען זייא פערליישט מיט דעם לייש גאָלד דער ק ו ל ט ו ר—און א ו נ ט ע ר דעם האבען זייא געהאלטען פערשטעקט דיא געפעהרליכע מאַטריאַלען פון זייער בארבארישען סיסטעם — —

דיא מעטהאָדע וואס דער „ג ע י ו ר ע נ ע ר ערציהער" האט געברויכט אום זיין, נאך נישט געבילדעטען, ברודער, זוהן, אָדער תלמיד צו ערקלעהרען דיא דאקטרינען פון דער עמאַנציפאציאָן איז געווען נ י ש ט צו ווירקען אויף דער אינטעלעקטועלער פעהיגקייט פון זיין תלמיד'ס גייסט מיט אנהייבען „בראשית" פון דעם חומש דער קולטור און דורך שטודירען מיט איהם סיסטעמאטיש דיא ביבעל פון דער וויסענשאפטליכער וועלט אַנשויאונג — נור

הערט אוים דיא זיססע מעטהאָדע און קוויקט אַייך: —

# סדרה א.

דער עלעמענטארנער אונטערריכט—זיין „בראשית" האט דער „געיורענער ערציהער" אָנגעהויבען מיט זיין תלמיד פון אַ ט ר י פ ה ' נ ע ם ק אָ ל־ באס, אָדער שנויץ מיט ברויט! — דער תלמיד, וואס האט געהאט בטבע א גוט קעפיל און נאך אַ בעסערען מאָגען, האט דיא ערשטע געשמאַקע חזיר-לעקציאָן מיט חשק באלד איבערגענומען — און קוים האט ער אויפגעגעסען דער ערשטען „קאָלבאַס" האט ער מיט אַ צופרידענעם שמייכעל זיך אַ גלעט געטהאן ביים חזירשען בייכעל און מיט אַ זעלבסט צופרידענעם שטאָלץ אַ זאָג געטהאן צו זיך: — נא! יעטצט בין איך א פ ע ר ט י ג ע ר ציוויליזירטער — !!...

### קאנקלוזיאָן:

א לאקשענער קוגעל מאכט אונפערדייליך דיא בילדונג — ראקעס — א הילפס־מיטעל צו קולטור!—

## סדרה ב.

צו דער צווייטער לעקציאָן האט דער „ערציהער" ערקלעהרט זיין תלמיד, אז דיא לאנגע האָאר בייא דיא אויערן, דיא לאנגע באָרד, דיא לאנגע קאפאָטע באָמבלען זיך איהם פאר'ן פנים און פאר דיא פיס און דערלאזען איהם ניט שנעלל נאכלויפען דעם פראגרעס... און פערקירצען אין זיין קאפ זיין שכל צו פערשטעהן דיא חכמות פון דיא אומות העולם (?)—

קאנקלוזיאָן:

אום בעססער צו פערשטעהן „קאנט'ס געשיכטע דער ריינען פערנונפט" מוז מען זיך אָבשערען דיא באָרד און פאות · און טאָלסטאָי'ס ווערקע קען מען אַנדערש ניט לעזען נור מיט'ן העמדעל איבער דיא הויזען — —

## סדרה ג.

ויאמר — און דער „געווירענער ערציהער" האט צו זיין תלמיד אַזויא געזאגט :—וואס דארפסטו זיך אזויא שאקלען ביים דאווענען אין טלית און תפלין און דערנאך געהן אָבנארען דעם פריץ—בעסער דאווען ניט און בעשווינדעל ניט דעם פריץ— נאך דער לאָגיק איז אויסגעקומען, אַז נישט אַנדערש וויא אין דיא פארמעטענע פרשיות פון דעם של ראש שטעהט איינגעשריבען דיא פאָרמע פונ'ם קאָנטראַקט, וואס ער האט געשלאָססען מיט'ן פריץ וועגען דער גראָלניע—און אין דיא פרשיות פונ'ם „של יד" שטעהן אויסגערעכענט דיא גראַדוסען פונ'ם ספירט פערמישט מיט וואסער—

דיא ווירקונג פון אַזא ארגומענט האט זיך באלד מיט ערפאָלג אַרויסגעוויזען — דער תלמיד האט באלד אויפגעהערט צו דאווענען און האט נאך מעהר בעשווינדעלט ניט נור דעם פריץ נור זיין אייגענעם טאטען אליין —

קאנקלוזיאָן:

אין די געוויססען קען מען גיכער מאכען אַ קנייטש וויא אין דעם דאווענען.

## סדרה ד.

דער „געוירענער ערציהער" האט קיין אַנדער וועג ניט געפונען אריינצוגעבען אין זיין תלמיד חשק צו אַ לעבעדיגער שפראכע ביז ער האט

איהם ניט אָנגעוויזען מיט שרעק אויף דעם „סקעלעט“ פון דער העברעאישער טויטער שפראַכע, וואס ער האט זיא אליין דער׳הרג׳עט!... דעם פאַקט האט ער געוויזען אויף זיך אַליין וויא דיא שפראַכע האָט איהם פערוואונ־גליקט זיין גאנץ לעבען: אז פון גאנץ תורת משה און פון גאנצען ש״ס און פיסקים האט ער גישט געקענט ווערען אַפילו אַ ווינקעל אַדוואָקאַט — און ישעיה׳ס מליצות האבען איהם ניט געקענט דיענען ער זאלל קענען אין דער שפראכע אָנשרייבען אַפילו איין דאַנאָס קיין פעטערבורג — —

דערפאר האט ער געראטהען זיין תלמיד זיך ווידמען אויסשליסליך צו דער קולטור פון „דעמיאַנאָוואַ אוכאַ“ און איהם פערזאָגט און פער־היט, אַז ער, דער תלמיד, זאלל למען השם נישט האָבען קיין בעגריף אַפילו פון דיא אַלטמאָדישע נעמען וויא למשל:

| | | | |
|---|---|---|---|
| | פרקי אבות | דוד המלך | דבורה הנביאה! |
| קאנקלוזיאָן: — | דאמאסטרוי, | איוואן גראזני | יעקאטערינא דיא 2 טע. |

# סדרה ה.

דיא לעטצטע סדרה איז געגאנגען „לך לך“! —

ויאמר: און דער יעזואיטסקער מלמד האט צו זיין תלמיד אַזוי געזאָגט:

ווילסטו מיין קינד ווערען איין אמת געבילדעטער אַריסטאָקראַט? —

לך לך! — טאָ געה זשע אַרויס פון דיין שמוטציגען בית המדרש! הער דיך אויף צו דילען מיט דעם פלפול פון דיא יום־טוב׳דיגע בצים! לאז שטעקען די שפּילקע אין פופיק בייא דעם ראש הישיבה און קום מיט מיר אל הארץ אשר אראך! —

איך וועל דיך אַריינפיהרען אין עלעגאנטע סאַלונען פון שפיעלהייזער, ביערשיינקען און מאַסקען־בעלער צווישען איין אַריסטאָקראַטישער געבילדע־טער געזעלשאַפט!...

דער פלייסיגער תלמיד האָט איהם געפאָלגט — ער איז פולל אין אַללע שיינקען, קאפפע־הייזער, ביער סאַלונען און שפיעל הייזער... און בע־שעפטיגט זיך פלייסיג מיט דער קולטור פון ביליאַרדען, דאמינאס און קארטען...

די קאָנקלוזיאָן: קען יעדער לעזען — זיא איז מיט ווייסען קרייד אנגעשריבען אויף אַללע גרינע טישען פון קאַפפע־הייזער ביער־האללען און שיינקען— ·

ענדליך — אום זיך ניט לאנג צו פּלאַגען מיט דעם אייגענעם קנעללען מיט דעם שוין כלומר'שטען אויסגעבילדעטען תלמיד, האט דער „ערציהער־יעזואיט" גענוממען זיין שפּיטציג טייטעל אַריינגעשטעקט אין דעם לייב פון זיין תלמיד... דאס איינגעטונקט אין בלוט פון זיין הארץ... און איהם דערלאַנגט ער זאלל אליין אייגענהענדיג אונטערשרייבען אויף זיך זיין טאָדטעם אורטהייל — — אַסימילאַציאָן!!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ונודע בגוים זרעם וצאצאיהם בתוך העמים כל־
ראיהם יכירם כי הם זרע ברך ה' (ישעיה—16—ט')

אָפּקומען פאר דיא זינד פון זייערע טאטעס און זיידעס און פיהלען דעם מאַנגעל פון דער אידישער ערציהונג, פיהלען נעבאך דיא בראווע אייניקלעך פון דעם נייעם דור — דיא אינטיליגענטע קינדער, וועלכע כאפּען אוים דיא פיזישע און מאָראַלישע פּעטש פון דיא אַנטיסעמיטען, וואס זייערע „ערציהער„ האבען עס אייגענטליך פּערדינט — דיא גיפטיגע פפיילען, וואס דיא בלעטטער און בראשורען פון דיא שונאי ישראל ווארפען און ציע־ען גלייך אין דיא הערצער פון אונזער בראווער יוגענד, פערוואונדעט שמערצליך זייער עדעל מענשען־געפיהל... און זייא נעהמען זיך אָהן מיט דעם גרעסטען פייער דער ענערגיע צו קעמפפען יעצט מיט דיא געגנער פון זייער פאָלק פאר זייער בעליידיגטע נאַציאָן—נור ליידער, פעהלט זייא דאס געוועהר... דאס הייסט דיא גרינדליכע קענטניסע פון דעם אידעאַל, דאס יודענטהום:— דיא זשעניאַלע אידישע גרויסע געלעהרטע און זייערע ווערקע: דיא גע־שיכטע פון זייער אייגען פאָלק, זיין ווערטה, זיין הייליגע מיססיאָן אַלס ערשטער קעמפפער פאר דער הומאַניטעט — זייער אייגענע טראַדיציאָן און זייער אייגענע הייליגע שפּראכע — — וועלכע שמערצליכע איראָניע דאס איז!—פיעלע געלעהרטע פון דיא אומות העולם לערנען דיא אידישע ליטע־ראַטור און געשיכטע אין דער ה ע ב ר ע א י ש ע ר ש פּ ר א כ ע, און דאס אידישע אינטיליגענטע אייניקעל מוז זיך בעקענען מיט זיין אייגענער ליטע־

ראַטור און געשיכטע דורך פֿרעמדע שפּראַכען... אַ גוי'אישער געלעהרטער פֿאַלט אָן מיט בלבולים אויף דעם אידען מיט פֿאַלשע ציטאַטען פֿון דעם „אידענ'ס גמרא“ און דער „איד“ ווייסט זיך ניט צו פֿערטהיידיגען געגען איהם דורך זיין אייגענער „גמרא“, ווייל ער האָט זיא ניט געלערנט און מוז גריבלען קוועללען פֿון אַ לאַטיינישע אָדער פֿראַנצויזישע איבערזעטצונג. —

דיא אייניקלאַך פֿון דעם נייעם דור ווייסען שוין, אַז זייא האָבען קיין גוטעס ניט צו ערוואַרטען פֿאַר זיך פֿון אַנדערע נאַציאָנען... נור, שמייכלען זייא, פֿאַקטערען, ערניעדריגען זיך און בעטלען בייא זייא גנאַדע וויא וייערע טאַטעס און זיידעס פֿלעגען צו טהאָן, ערלויבט זייא זייער שטאָלץ ניט — און וויא צום טראָטץ צו דער עוויגער שאַנדע פֿון דיא אַמאָליגע „ערציהער“ פֿון זייערע טאַטעס, וועלכע האבען זייא געלערנט זיך צו שעהמען, יאַ, זאָגאַר צו האַססען זייער אייגענע נאַציאָן — מאַניפֿעסטירען יעטצט דיא אייניקלעך דיא אינטימסטע ערגעבענהייט, דיא פֿייערינגסטע ליעבע און אויפֿאָפּפֿערונג פֿאַר זייער אונגליקליכער נאַציאָן פֿון וואַנען זייא שטאַממען! —

קומט אַהער! קומט אַהער מיינע טהייערע קינדער פֿון ביללינגע עלטערן! איך וויל אַייך בענשען! — אַרבייט ווייטער, אַרבייט אין אייער הייליגער מיססיאָן! — פֿערלירט קיין מוטה איהר וועט בעגליקען! — נור איינס זאָג איך אַייך אָן: — איהר זאָלט זיך ניט אַזוי גיך אין אייער היטציגער נאַאיוועטער יוגענד שווערמעריש אָנכאַפּען אין יעדען איינציגען קלינגענדען נאָמען וואס שטעלט זיך אָן דער שפּיטצע פֿון אַ פֿאָלקס פֿיהרער, אָהנע איהר זאָלט פֿריהער מיט רוהיגער איבערלייגונג אונטערזוכען גענוי דאס לעבען, דיא אינטיליגענץ, דעם כאַראַקטער פֿון דער בעטרעפֿענדער פּערזאָן און צו מיינט זיא עס ערנסט, אהנע אייגעננוטץ און געוויססענהאַפֿט, וויא איהר!.. און דאַן וועט אַייך גאָט אויך העלפֿען צו עררייכען אונזער לענגסט ערוואַטעטעס ציעל צו זעהן אונזער נאַציאָן אויפֿגעבליהט נאָך מיט מעהר גלאַנץ וויא אַמאָל... אַלס מאָדעל פֿון אידעאַלען גייסט און הומאַנער זיטטליכקייט, אַז אַללע אַנדערע נאַציאָנען זאָללען מוזען מודה זיין אויף דיא אידישע קינדער: כי הם זרע ברך ד'! — — —

## 11

# דיא אידישע באַליאַטשקע.

## אינהאלט:

דער פעלזען אין מיטען ים.— דיא פיינדליכע שוועסטער נאציאנען.— זאלא׳ס נאציאנאלס פעהלער.— דער געוואלד געשרייא פון דיא בעהמען.— א נאציאן מיט נאקעטע קניעס.— מיט דער לאנגער קאפאטע און מיט׳ן תהלים׳ל אין דיא הענד אין פאריז.— דאס טראדיציאנעלע הייליגע זאקען־בענדעל.— דיא גריכישע נעמען פון דיא אידישע קעניגע אין ירושלים.— יאכנע סאסיע איוואנאוונא.— דאס רעווען פון דיא רעפארמירטע רעוורענטען.— וואס טהוט מען?—

---

וויא וויט דער שטראם פון דער צייט האט אין זיין שטארקען לויף פערענדערט דיא קאָסמאָגראַפישע פיזאנאמיע פון דעם גרויסען גלאָב—ערד!— וויא וויט דער דאמפף און דיא עלעקטריציטעט האבען אַרומגעבונדען פערשידענע וועלט טהיילען צוזאמען מיט זייערע אייזערנע דראָטהען; וויא וויט דיא פּאָליטיק, דיא קולטור, דיא אינדוסטריע, דיא וויסענשאפט האבען צו־נויפגעבונדען דיא פערהעלטניססע פון אַללע לענדער אין איין איינציגען אינ־טערעסס — ענדליך—וויא וויט דיא סאָציאַלע קעמפּפער ווערען נישט מיעד צו אַרבייטען מיט דעם גרעסטען אייפער אָבצושאפען אללע נאטירליכע און קינסטליכע גרענצען, אללע גייסטיגע און מאטריעלע היגדערניססע אום אללע נאציאנען צוזאמענשמעלצען אין איין אַלגעמיינעם פאָרם — „מענש־הייט״!!— האט זיך איין זאך דאך ניט געלאזט ענדערן און וועט זיך ווייטער ניט לאזען ענדערן...

און וויא א פעסטער פעלזען אין מיטען ים, וואס ווען ער לאזט זיך א ביסעל אָפּשווייגקען פון דרויסען פון דיא שטירמישע עלעמענטע, אבער וואקסען וואקסט ער וואס מעהר גרעססער אין זיין שטארקער הארטער בע־שאפענהייט — דאס איז:

**דער נאציאנאַלער גייסט פון יעדער נאציאן!!——**

דער בעוויז שטעהט יעדען פאר דיא אויגען: — אויף דער לאנדקארטע פון אייראפא ליעגען דרייא מעכטיגע לענדער איינס נעבען אנדערן, גלייך וויא דיא נאטור אליין האט בעצוועקט מיט דעם צו מאכען זייא פאר נאהענטע שכנים, און זייא אללע דרייא אין איינעם איבערגעגעבען א געמיינשאפטליכע מיססיאן—צו פערברייטען צוזאמען דאס חעלל-שטראהלענדע ליכט דער ציוויליזאציאן אויף דער גאנצער וועלט — — .

דאס זיינען: ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד — .

דיעזע מוסטערהאפטע שוועסטער-נאציאנען פון מאדערנע פראגרעסס און קולטור, וויא פעסט זייא שטעהן איינס מיט'ן אנדערן ענג פערבונדען אין אללע אנדערע צווייגען דער אינדוסטרי, פאליטיק און וויססענשאפט — שיידען זיך אבער אין איין פאך אזויא וויט אפ איינע פון דער אנדערער, אז בייא יעדער נאציאן איז איינגעפלאנצט צו דער אנדערער א נאטירליך אנטיגאניזם — בייא מאנכע זאגאר א געפעהרליכער האסס אויף לעבען און טויט — דאס מאכט דער שאוויניזם! — דאס יעדער פון זייא בעווארט מיט דער שטרייננגסטער הארטנעקיגקייט פון פאטריאטיזם איהרע נאציאנאליטעט, איהר שפראכע, איהרע זיטטען — איהר טראדיציאן! — —

אז דיא באבע וויקטאריע איז געשטארבען, און איהר אייניקעל, דער דייטשער קייזער ווילהעלם דער 2 טער איז אריבערגעפאהרען מיט זיין סוויטע קיין לאנדאן מנחם אבל זיין, זיין פעטער עדווארד דען 7 טען, האבען דיא ענגלישע מיניסטארען עמפפאנגען זייער מאיעסטעטישען קרוב נור אין דער ענגלישער שפראכע און האבען קיין ווארט דייטש גערעדט (דעם פארוואורף האט זייא געמאכט א פראנצויזישע צייטונג). דיא ענגלישע בעאמטע און מאטראזען פון דעם קאנאל, וועלכע פיהרען 10 מאל א טאג אריבער פאסאזשירען צום פראנצויזישען האפען און צוריק, וויללען ניט וויססען פון קיין ווארט פראנצויזיש, און ווידער פערקעהרט יעדער שפעט און לאכט זיך אויס פון דעם אנדערנ'ס שפראכע און מנהג, און קוקען אן איינס דאס אנדערע וויא ווילדע בּרואים. —

מיט וואס פאר א חייסען פאטריאטישען שטאלץ שרייט יעדען טאג, יעדע מינוט אויס דער פראנצויז „פראנקרייך פאר פראנצויזען!” בייא א

פראנצויז איז דיא דייטשע שפראכע טויזענד מאל מעהר ט יפה פסול וויא ביא א חסיד—דיא רוססישע, מיט וואסערע מערדערישע מיטלען דיא פראנ־צויזען האבען געזוכט צו פערפאלגען זאלא'ן (ביא דער דרייפוס—אפערא) האט קיין זאך ניט אויפגעוועקט אזא האס צו איהם וויא דאס, וואס איינער האט בעוויזען מיט פאקטען אז זיין פאטער איז געוועזן איין איטאליע־נער... און דאס האט איהם דערלאנגט דעם לעטצטען קלאפ...

היינט ווען עס זאלל חלילה וואגען א פראנצויז אין א עפענט־ליכער פערזאמלונג, אדער א גייסטליכער אין א קירכע פרעדיגען פאר'ן עולם, אז זייא זאללען אוועקוואַרפען זייער פראנצויזישע שפראכע און אננעהמען דיא דייטשע, אדער וואס פאר איין אנדערע, איהר פערשטעהט וויא מען וואלט דעם רעדנער ארויסגעטראגען א טויטען! — — און דאס זעלבע ביא אללע אנדערע נאציאנען אפילו ביא דיא קליינע וויא אונגארען און בעהמע, וועלכע שטעהן אין פאליטישער אבהענגיגקייט פון דער גרויסער ציוויליזירטער מאכט עסטרייך, אויך דיא קעמפפען עד היום פאר זייער נאציאנאליטעט און בעוואהרען זיא מיט דער שטארקסטער הארטנעקיגקייט געגען איינפלוס פון דעם הערשענדען דייטשען עלעמענט —

דיא גוואלד געשרייען קעהרען איבער א גאנץ פארלאמענט און מאכען עפענטליכע סקאנדאלען אום ניט דערלאזען דיא דייטשע שפראכע אויס־בריטען אין זייער שטיקעל לאנד, וואס געהער שוין לאנג ניט צו זייא.— און דעם גוואלד וועט איהר הערען פון אללע נאציאנען דער וועלט.

נור איין איינציגע נאציאן איז דא, וואס איהרע קינדער שעהמען זיך ניט צו שטעהן עפענטליך און צו שרייען מיט דעם גרעסטען עזות צו זייערע ברידער אין איין שטיק זייא זאללען אויסראטען פון זיך זייער אייגענע מוטטער שפראך, זייער הייליגע טראדיציאנעללע שפראכע און פערבייטען זיא, מעג זיין אויף אבי וואסערע אנדערע פרעמדע גאלימאטי—מעג זיין א ציגיינערשע!!...

איהר קענט דיא נאציאן?...

איך פלעג מיר ניט איין מאל טראכטען:—רבונו של עולם, ווען מיר אידען, ביא דער צייט פון פאזיטיוויזם וואלטען געהאט א געזעצ־

געבער, וואס זאל אין איין שטיק פערדיגען „עולם הבא", און דיא קריסטען — אזא מין סאָציאַל דעמאָקראַט וויא אונזער משה! — מיט וואס פאר אַ ליטער־ראַרישע בלאַטע וואלט מען אונז בעווארפען — אָדער ווען אונזער נאַציאָנאַלע קאָסטיום וואלט זיין מיט׳ן העמדעל איבער דיא הויזען וויא דיא רוססען, אָדער מיט דיא טראַדיציאָנאַלע נאַקעטע קניעס אין דרויסען וויא דיא שאָטלענדער?! — און דאך מיט וואס פאר אַ שטאלץ שפאנט עס פאָניע אַרום אין דיא שעהנסטע שטראַססען פון זיינע קאַפּיטאַל־שטעדט, און דיא נאָבעל־סטע געזעלשאַפטען מיט׳ן העמדעל איבער דיא הויזען! און מיר, אין דיא זעלבע געזעלשאַפטען מיט אונזער אייראָפּעאישען גאַלאַ קאָסטיום מוזען זיך פאר איהם שעהמען און זיך בעהאלטען ער זאלל אונז ניט דערקענען!..

דער איד מיט זיין בעשיידענעם שווארץ זיידענעם אַטלאַס און גארטעל מוז זיך בעהאלטען אין קעללערס און אין לעכער פאר בושה און טאהר זיך ניט ווייזען אויף דער גאסס, וועהרענד אין דיא זעלבע לאנגע קאפאטעס מיט גארטלען שפאציערען אַרום מיט שטאלץ קריסטליכע פרוממע אין אללע שעהנסטע שטראַססען און בולעוואַרען פון דעם ערשטען מאָדען־באזאר דער וועלט — פאַריז! און אין אַללע טראַמוואַיס זעהט איהר זיטצען דיא לאנגע קאפאטניקעס מיט תהלים׳לאך אין דיא הענד און האלטען, פּאָהרענדיג, אין איין זאָגען שטיקער תהלים! — .

פּרינץ אָף וויילס צו זיינער קרוינונג אַלס קעניג פון ענגלאנד האָט געהייסען גריבלען אין אַללע אַלטע קעללערס אויסצוזוכען אַ פאָרם פון איין אַלט בענקעל אָדער אַ טראַדיציאָנעל זאקען־בענדעל און שיך, וואס זיינע אור־אור־עלטער זיידעס האבען געטראגען, אום דאס בענוטצען צו דיא מאָדערנע קאסטיומען בייא זיינער קרוינונג. —

דערזעלבער קעניג פונ׳ם מאָדערנע ענגלאנד בייא זיינער קרוינונג איז איהם אנגעשטאנען צו פערבייטען זיין אייגענעם נאמען אויף דעם נאמען פון זיין אור־אור־עלטער זיידען „עדוואַרד" פון צוריק מיט 7 הונדערט יאהר...

דער קייזער פון דעם ציוויליזירטען עסטרייך אין צוואנציגסטען יאהר־הונ־דערט, שטעהט אן דער ביבלישער נאמען יאָזעף און אונזערע אידישע ירושלים קעניגע פון אונזער לעטצטער רואינע האבען, זיך געשעהמט מיט דיא נעמען

פון אונזערע אָבות און מיט פרעכען שטאָלץ זיך געציערט מיט גריכישע נעמען, אַריסטאָבאָלוס, אַלעקסאַנדראַ. אַגריפפאַ, א. ז. וו. עס איז שוין קיין וואונדער וואס דיא יעטצטיגע חסדרגיות דיא נפתלי'ס פערבייטען זייערע נעמען אויף פאַנטאַלען, גריגאַראָוויץ און אַ מינדעסטע דריפקע יאַחנע סאָסיע הייסט זיך רופען „נאַדעזשדא פסאַיאַחאָווגאַ!" ברעכט זיך דיא ציין צו קאַליעטשען אַ פרעמדע שפּראַך, פּערביט איהרע קינדער צו ריידען אידיש און צו לערנען העברעאיש און קווּעלט פון איהר בעשערטען מוזשיק, וואס האט קיין אַהנונג פון בילדונג, אין האלט אין איין שרייען אז ס'איז שוין צייט אַראבצוואוארפען פון זיך דעם „האָרב", וואס אנזערע אָבות האָבען אונז אָנגעהאנגען אויף דיא פּלייצעס...

נור וואס האבען מיר צום פּאָלק ווען זיינע אייגענע ראבינער, רעוור־רענטען האלטען אין איין רעווען אין זייערע רעפאָרמירטע טעמפּלען פאר זייערע אידען, אַז דיא אידען זיינען גאר קיין נאציאָן ניט און ארץ־ישראל און ציון זיינען גאר אויסגעטראכטע נעמען פון אַ לענגם פערפלאָס־סענעם חלום!

דארף מען נאך פיעלע בעווייזע צו איבערצייגען, אַז מיר זיינען דיא איינציגע נאציאָן דער וועלט, וואס מיר ליידען פון אזא נאציאנאלער כראַ־נישער באַליאַטשקע, וואס קיין אומה ולשון ליידעט דערפון נישט? — האט מען נאך געהערט אַז איין אומה זאלל זיך אליין אויפשניידען דיא אָדערען אַרויסצולאזען, לאבענדיג, פון זיך זיין אייגען ווארעם בלוט און זיבען אריינצושפריצען אין זיך אַבי וואסערע אַנדערע שטאפען?...

וואס פאר אַ רפואה קען מען געפינען צו דער מכה?

וואס טהוט מען? — —

# 12

# וואס טהוט מען??—

אַנאָ האָבגעעהרטע פאָלקס־פיהרער!

יעצט שטעהט איהר בייא דיא רואינען פון אַייער צערשטערטען יודענ־טהום און זוכט עס אויפצובויע און געפינט ניט קיין עכטען אידישען מענ־שען מאַטעריאַל — .

יעצט זעהט איהר דעם דור וואס איהר האט ערצויגען: איהר ווילט צו איהם ריידען, ער פערשטעהט אייך ניט! איהר דערצעהלט איהם זיין אייגענע געשיכטע, איהר דערמאנט איהם אין זיין אייגען פאטערלאנד „ציון". ער גלאטצט אויס אויף אייך אַ פאאר קעלבערנע אויגען!...

איהר שרייבט איהם ספרים, צייטונגען, ער לייענט זייא ניט!

מיט וועמען רעדט איהר מאמע לשון? פאר וועמען שרייבט איהר העברעאיש? מיט וועמען רעדט איהר פון אַ יודענטהום? מיט היידען, וואס איהר אליין האט זייא ערצויגען!—קויפען פאר געלד דארף אַ נאציאן איהרע פאטריאטען, צו צאהלען זייא אין בייטעל און שלעפען זייא מיט גוואלד אין זייער אייגענע היים? פּראָפּאַגאַנדע דארף מען מאכען? מיסיאָנערן דארף מען האבען מגייר זיין אידען צום יודענטהום?!...

הא! הא! יעצט זוכט איהר אייערע אידישע קינדער און קענט זייא נישט געפינען — אידישער טאטע! זוכסט דיין קדיש? טרעפסט איהם אין שיינק בייא דיא קארטען!... ווילסטו איהם זאגען מוסר פון כבוד אב? ער שיסט דיר איין קול אין דיין ברוסט!—וויל דוא האסט איהם ניט געלערנט דיך רעספעקטירען.—

אידישע טאָכטער, זוכסט דיין מאמען? זיא טאַנצט אויפ׳ן יאלקע באַל, ראָמאַנסירט מיט אָפיצירען און רעדט דיר אָפּ דיין געליבטען——.

אידישע פרויא, זוכסט דיין מאן!? ער איז אין האטעל בייא זיין מעטרעססע!

רבנים! איהר זוכט אייער פאָלק איהם געבען אַ הכשר אויף פסח? ער הערט אייך וויא דעם רב! אַ שוויינס־קאָטלעט דארף ניט אייער הכשר!

פאָלק! זוכסט דיינע רבנים, צו הערען פון זייא דרשות פון מוסר ספרים? זייא פאַקטערן בייא דיא רעגירונגען דיך צו פערקויפען און פרע־דיגען דיא אַסימילאציאָן מיט ציטאַטען פון עוואַנגעליום! —

און דיא פערפוילטע ביינער ווילט איהר איבערציהען מיט איין נאַציאָ־נאַלער הויט און זייא בעלעבען? און דיא ענטלאָפענע ווילט איהר צוריק ברייננגען?

פארפאללען!!!

דער מאַגען, וואס האט זיך צוגעוואוינט צו ראַקעס קען שוין קיין קוגעל ניט פערדייהען! — דיא פראַנצימירקע, וואס האט געטאַנצט אַרום אַ יאָלקע וועט שוין קיין ליכט ניט בענשען — דיא קינדער פון דיא שפיעל־הייזער וועט איהר שוין ניט אָברייסען פון דיא קאַרטען־טישלעך און אריינ־שלעפען צוריק אין בית המדרש צו לערנען תורה!... ליעב האבען אַ אידען קענען שוין ניט דיא עלטערן. וואָס האבען אייערעמס קריסטען, און שניד — באַלעט־טענצערין׳ס. — אוועק מיט דעם אלטען דור! און בע־שטרעבט זיך צו ערציהען אַ נייעם!... מאַכט אידישע ערציהונגס אנ־שטאַלטען, חדרים נישט צו ערציהען קינדער—ערציהט פריהער אידישע ערציהער! אידישע פערדיגער, אידישע לעהרער איבערהויפּט— אידישע מאַמעס!!. —

# ענדע ערשטער טהייל.

# דור בא

צווייטער טהייל.

ערשטע אבטהיילונג.

## „דיא רפואה“.

# אינהאלטס פערצייכניס:

ערשטער קאפיטעל—מיטטעל און צוועק.

צווייטער „ —דיא ביוראקראטיע און דיא מלמדים.

דריטער „ —מאליענקא אליע וואזשנענקא.

פיערטער „ —קינדער סקוהלס און קינדער פריזאנס.

פינפטער „ —דער שעדליכער ווארעם אין דעם ווארצעל פון דער ערציהונגס פפלאנצע.

זעקסטער „ —פאבריק פון מענשען-מאטעריאל.

זיעבענטער „ —דיא לאנד שוהלען.

## צווייטער טהייל

## קאפיטעל 1

# מיטעל און צוועק.

(פאררעדע)

אין מיין יעצטיגער אבטהיילונג רעד איך נ י ט דירעקט צו מיין פאלק — איך רעד דא דערווייל ב כ ל ל !—

דיא רפואה מאכט קיין אונטערשיעד צווישען שטאנד, ראססע און ראנג... דער נייער דור איז דיא צוקונפט פון יעדען לאנד — דיא שטיטצע פונ'ם רייך און פון דעם בירגערליכען, סאציאלעו לעבען און דיא ערציהונג, פון אזוינע נייע קינדער דארף זיין דאס וויכטיגסטע פון אללעמען!... איבערהויפט אין אזא נייא לאנד וויא דא, וואס איז א געמיש פון אללערלייא רויהע עלעמענטע פון אללערלייא נאציאנען פון פרעמדע לענדער, דערפאר דרינגט אונז דא די נויטווענדיגקייט מ ע ה ר זיך אפצוגעבען ה ו י פ ט־ז ע כ ל י ך מיט דער ערציהונג פונ'ם נייעם דור און פרעססירט אונז צו ערפינדען פראמפטע, ווירקזאממע מיטעל צו פערהיטען אין דיא יונגע קינדער פון יעדער אינפעקציאן — —.

דער איבערגאנג פונ'ם אלטען יאהרהונדערט אין נייעם, דיא פעלקער וואנדערונג אין נייא ענדעקטע וועלטען, האבען פערארזאכט פערשידענע אומוועלצונגען און מערקווירדיגע ערשיינונגען אויף דעם האריצאנט פונ'ם סאציאלען מענשליכען לעבען—.

מיר בעריהרען דא צווייא וויכטיגע פונקטען: דאס אָ רְ ט און דיא אַ רְ ט דער מאראלישער און זיטליכער ענטוויקלונג פונ'ם מענשענס פאמיליען־לעבען, דאס זיינען צווייא פון דיא גאלדענע רינגען, וואס שליססען צוזאמען דיא גאנצקייט פון דער געזעלשאפט! —.

דער פאמיליען־רינג האט בעקומען א שפאלט!... און מען דארף אים פעררינכטען —... עלטערן זיינען אפגעריסען געווארען פון קינדער... און דיא שפאלטונג האט פערארזאכט צווישען ביידע א טיעפען אבגרונד —...

געוועהנליך פלעגען עלטערן זאגען מוסר זייערע קינדער, יעצט זעהט מען וויא קינדער מאראליזירען זייערע עלטערן: א טאכטער מאכט פאר־ווירפע איהר מוטער פאר איהר שלעכטער אויפפיהרונג... און מאנכע זיהן שטראפען דיא טאטעס פאר זייערע נישט פאססענדע ליידענשאפטען...

א מענשענס האנד האט געמאכט א מאשין! און דיא זעלבע מאשין רייסט אמאל אפ פון דעם מענשען דיא האנד?!—

א שוסטער מאכט זיין זוהן פאר א דאקטאר און דער דאקטאר־זוהן טרייבט דעם שוסטער־טאטען ארויס פון זיין שטוב — רייכע טעכטער מוזען פערקלאגט ווערען ביים ריכטער פון זייערע ארעמע עלענדע מאמעס, וואס דיא קינדער וויללען זייא ניט געבען אויף צו לעבען — —.

דאס שלעכט'ס פראגרעססירט אויך...

מארד געשעהט צווישען קינדער און עלטערן!!—

יונגע קינדער, וואס דארפען ערשט אנהייבען צו לעבען מאכען פריה איין עק פון זייער לעבען... טייטען זיך אדער יענעם... און דאס פרישע בלוט פון דיא אפפער שרייען צו אונז: וואס שוויגט איהר! — —

און דיא געזעלשאפט און דער שטאאט פערלירען דיא קעפ, זיי זיינען אמייסטענס פערטשאדעט פון דעם שטיקענדען פולווער־רויך דער פאליטיק, אדער זייא זיינען בעטויבט פון דעם שטארקען מעטאלישען קלאנג פון קאפיטאל... און פאר דעם וויכטיגען געגענשטאנד פון דער ערציהונג זיינען זייא יוצא מיט דעם, וואס זיי מאכען, ענטוועדער פאר דיא עלטערע פריזאנס און פאר דיא קינדער סקוהלס, אדער פאר דיא קליינע פריזאנס און פאר דיא עלטערע־סקוהלס—.

און די סקוהל'ס קענען זיך אפגעבען פיעל מעהר מיט דער קולטור בילדונג, אבער זעהר וועניג מיט דער ערציהונג—.

ווען מיר זאגען „ערציהונג” מיינען מיר דיא מאראלישע, זיטליכע, וואס דארף שטעהן אויף דעם ערשטען פלאן, — און ווען מיר זאגען „קינדער” פארשטעהן מיר אונטער דעם ווארט דיא ערציהונג פון טאטעס, מאמעס און ערציהער! דיא זיינען דיא אורשפרינגליכע פיאניערען, וועלכע זיינען פעראנטווארטליך פאר דעם קינד'ס בענעהמען,

פיר זיינע אויפפיהרונג, פאר זיין כאראקטער, פאר דער מאראלישער אויס־בילדונג פון זיין גייסט נאך בעפאר ער טרעט אריין אין דער געזעלשאפט.—

האבען עלטערן אליין קיין ערציהונג, אדער, ווען מאנכע זיינען ניט אין דער לאגע זיך אבגעבען מיט דער וויכטיגער אויפגאבע, איז דער חוב פונ'ם שטאאט און דער געזעלשאפט איבערצונעהמען אויף זיך דיא פרימיטיווע ערציהונג פון זייערע צוקינפטיגע בירגער —.

איהר זעהט וויא איך בעטאָן שטארקער דאס ווארט „ערציהונג"! וויל קולטור־בילדונג גיבט איהם דער שטאאט גענוג, זא וויא זא, דער פראגרעסיווער בוים דער וויסענשאפט, דער „עץ הדעת", מיט זיינע פיעל־פאכע פרישע צווייגען און שעהנע בליטהען רייצט אזויא אויף דעם חשק פונ'ם נייעם מענשען, אז גאר מיט וועניג אנשטרענגונג האפט ער זיך אליין צו געניסען זיינע פריכטע— נור...

נור וואס קומט אונז ארויס פון זיינע קענטניסע, פון זיין בילדונג, אז ער איז קיין מענש ניט!—.

מיט דעם מענשענס קאפ האבען מיר קיין דאגה ניט— מיט דער גרעסטער שנעלליגקייט פליהט ער פארווערטס, און וועט נאך, מיט דער צייט, אונז בעוויזען אונגלויבליכע וואונדער!... אבער זיין הארץ מיט זיינע צארטע געפיהלע און גייסטיגע אייגענשאפטען שרעפען זיך לאנגזאם און קריכען וויא שילד־קרעהטע, וואס בייא יעדען מינדסטען רעש פון א נייעם קלאפ דערשרעקט זיך עס... און בע־האלט דאס צארטע קעפיל און פיסלאך צווישען ביידע ווענט פון דער אויבערשטער און אונטערשטער הארטער שאלעכטס——.

מיר מיינען אויך ניט צו מאכען פון אונזער „ערצויגענעם" פיר אזא נאאיווען, פארצערטעלטען בן יחיד וויא רוססאָ'ס „עמיל"— דען אין די זעלבע יונגע יאהרען ווען רוססאָ'ס ערציהער טראגט נאך זיין „עמילין" דאס נאז טיכעל איהם אבווישען דיא נאז, איז שוין אונזער אמעריקאנער „טשאלי" א פאלקאממענער מענש, א פראקטישער ביזנעם מאן, א טיכטי־גער פאליטיקער — אבער...

אבער אלכסנדר מוקדן איז טאקי געווען א גרויסער גבור אבער דיא ביינקלעך אויסברעכען דארף מען ניט אין שטוב——...

מיר האבען דורכגעלעבט אַ האלבען יאַהרהונדערט! אין דערלעבט אזא וויכטיגען מאָמענט ווען יאהר הונדערטע האבען זיך געוועקסעלט... אין וויא וועניג דיא מענשען האבען צייט זיך גענוממען זיך אָפגעבען מיט קינדער־ערציהונג האבען זייא דאך פיעלעס פערהעלטנים־מעססיג זעהר פיעלעס אויפגעטאהן—וויא עס שיינט אָבער, זיינען די ביזהעריגע סיסטעמען און מיטטלען ניט געוועזן בעגניגענד... און מיר מוזען זיך ארומזעהן וועגען נייע מיטלען; ווייל, דע פאקטאָ, איז דער רעזולטאט זעהר טרויעריג! און עס שרעקט אונז נישט אזויא דיא געגענוואַרט — עס גרוילט אונז פאר דער צוקונפט! ———

דיא גרויסע קערפערשאפט וואס מוז זיך אָפגעבען ספעציאל מיט דער פאָלקס ערציהונג מוז זיין געפאסט אויף דיא גרעסטע אַנשטרענגונגען, זייא מוזען פרובירען יעדעס מיטעל און אויסהערען יעדענס מיינונג אפילו ווען זיין נאממען איז ניט אָנגעטאהן מיט אַ קאָלפאק פון גלעקלאך וואס קלינגען: וויא דאקטאר, פראפעססאר, געהיימראטה א. ז. וו. און אויס־הערענדיג פערשיעדענע מיינונגען פון אַנדערע, צוזאממען מיט זייער אייגענע איבערלייגונג, פראבירען דיא אידעען און אַקציאן צו ברייגגען—.

איך בין ניט אזוי איטעל זיך איינצובילדען, אַז מיין פראָיעקט איז גאר נייא, אָדער איך האב געוואגט צו זאגען דאס לעצטע ווארט—איך גיב נור דא א קורצען אומריסס אין איינינגע אַלגעמיינע ליניען בעצייכנען דעם פּלאַן -

דיא ארבייט איז ניט פאר איין מענשען—אום אויסגעברייטערט צו ריידען פאָדערן דערצו גרויסע וואָלומנען—

יעדענפאלס איז דאס, דאכט מיר, קיין פאראדאקס!—און אויסגעלאבט צו ווערען וועלל איך געוויס ניט האבען פערדינט—היינט זיינען דאך ניט אמאליגע צייטען, וואס דיא צייטגענאססען פלעגען שפעטען פון נייע פּראָ־יעקטען און דיא שפטערע דורות האבען ערשט געמוזט ווערען דיא רעכטע מבינים —— דיא הויפטזאכע איז צו וויססען, אז דער טרעגער פון דער אידעע מיינט עס ערנסט, טרייא, אונפארטייאיש, ווייט ענטפערנעט פון מאַט־ריעלען אינטערעסס און כבוד... און זיין בעסטער שכר וועט זיין דאס בעוואוסטזיין, אז איהם איז אייך געלונגען מיט עטוואס מיט—העלפען צו דער וויכטיגער סאציאלער לעבענס פראגע:

דיא ערציהונג פונ׳ם נייעם דור!

אברהם גאלדפאדען

ניו יארק דען 6 טע אקטאבער 1905

## קאפיטעל 2

# דיא ביוראקראטיע און דיא מלמדים!

צווישען פיעלע נאך אונאויפגעלעזטע פראָבלעמען און פערשיעדענע סאָציאַלע לעבענס־פראגען, וועלכע זיינען נאך נישט דעפיניטיוו בעאנטווארט געווארען, האט איין וויכטיגע פראגע תמיד געצייגען אויף זיך דיא אויפמערקזאמקייט פון מיין לאנגעס פארשען און דענקען — ; שטענדיג פלעגען מיינע נע־ונד־געדאנקען בעגעגנען אויף זייער וועג אַ שטאלץ בייגען פראגע צייכען, וואס האט אַ פנים געהאט פון אַ מעוברת'ער אידענע, אַ מיוחסת, וועלכע איז שטאלץ אויף איהר טראגען... און שטופט זיך אייך שטענדיג מיט'ן בויך אין פנים וויא איינער רעדט: אַנאָ טרעף וועמען איך טראג אין מיינע געדערם? צו יעקב'ן, צו עשו'ן? — אָדער גאר ביידע אין איינעם?! — — .

פון פראָפעססיאָן אַ פעדאַגאג: „ביווּשי קאַזיאָנע יעווריעסקי אוטשיטעל" האט מיך אינטעריסירט צו וויססען פאר וואס איז דאס ערציהונגס און לעהרער פאַך, (וואס דאס דארף אייגענטליך צו זיין דאס וויכטיגסטע בייא דער געזעלשאפט) עפעס דאס פערשעהמטע, וועניג בעאַכטעטע, נידריגסטע פון אַללע אַנדערע פעכער געזעלשאפטליכער איינריכטונגען און דאס לעהרער אַמט איז איבעראַלל דאס אָרמסטע אין דעם רייך דער ביוראָקראטיע? ——.

יעדער פון אונז האט געזעהן ווי אין אַללע שטעדט און שטעדטלעך זיינען דיא הייזער פון דיא שוהלען, בקור חולים'ס אַפילו דאס קהל'ס שטיבעל פיעל גראָמער, לופטיגער, ריינער אין פערגלייך מיט דיא שמוטציגע ענגע חדרים—און אַ ליאדע גבאי ווערט מעהר בעצאהלט וויא דער בעסטער מלמד.

דאס שעהנסטע איז, וואס איך וועל אייך דערצעהלען בסוד, אַז אַפילו בייא אומות העולם אין דיא רייכסטע ציוויליזירטע לענדער שפיגעלט זיך אָפ

(פערהעלטניסמעססיג פערשטעהט זיך) דאס זעלבע אֵרעמקייט פון לעהרער פאך און דאס קאַלטע אינטערעססירען זיך אין די „ערציהונגס אנשטאַל־טען" אין פערגלייך מיט אַנדערע אינסטיטוציאנען — .

ווי ווענינ איך בין בעקאנט אין דעם בודשעט פון די געזעלשאפט־ליכע אינסטיטוטען, ווייזט זיך מיר אויס, אַז אויף דעם מיליטער וועזען, רעליגיאָנס וועזען און פינאנס וועזען פערשווענדעט דער שטאַאט, פער־העלטניסמעססיג, פיעל בעדייטענדערע סוממען וויא אויף דעם דעפּארטאַ־מענט פון פאָלקס־אויפקלעהרונג! — .

א קליינער באנק בעאמטער, א גרויסער גלח, א גענעראל, בעקוממען, פערהעלטניסמעססיג, פיעל גרעססערע געהאלטען וויא א לעהרער, א פּראָ־פעססאר אדער רעקטאר פון איין אוניווערזיטעט — און על פי יושר דארפען די לעה־רער פיעל מעהר בעצאהלט ווערען וויא אנדערע — דען; ווען דער באנק דירעקטאר גיבט זיך אפּ נור צו זארגען פאר די טוידטע ציפערן; ווען דער גרויסער גלח גיבט זיך אפּ נור צו זארגען פאר די נשמות אויף יענער וועלט... ווען דער גענעראל גיבט זיך נור אפּ צו זארגען פאר די קערפּער פון די נשמות פארטיג מאכען זיי צו דער האלסייל שחיטה... זיינען אין דער צייט די פּראפעסארען און ערציהער בעזארגט זיך אפּצוגעבען מיט דער אויסבילדונג פון ארדענטליכע, אינטעלי־גענטע נוטצליכע בירגער. וואס זיינען דער פונדאמענט פונ'ם לאנד! דער לעבענס־אָדער פונ'ם גרויסען סאציאלען גוף — די געזעללשאפט! — און דאך ווערט פאר דעם פאך ווענינ געזארגט? —

פאר וואס זאלל'ם זיין אזוי??? — —

## קאפיטעל 3

# מאלענקא אליע וואזשנענקא.

ניט איין מאל, ארייננעהענדיג אין א פאמיליען-הויז און, זעהענדיג וויא עלטערן האבען קיין שלום צווישען זיך, זידלען זיך מיט מיאוסע רייד און שלאגען זיך... אדער זיי שרייען, זידלען און שלאגען די קינדערלעך, פלעגט עס מיר ניט איינמאל פערדריסען און פלעג מוסר'ן די עלטערן בזה הלשון:—

—מיינט ניט, איהר עלטערען, אז ווען איהר זידעלט אייך און שלאגט זיך אין שטוב, זייט איהר ניט מחויב זיך צו שעהמען און זיך היטען פאר אייערע קליינע קינדערלעך! איהר זאלט ניט מיינען אז ווען איהר זידעלט און שלאגט אייערע קינדער טהוט נור וועה זיי אליין! איהר מוזט וויססען, אז אין זייא זידעלט איהר און שלאגט א סך דורות...

שטעלט אייך פאר, למשל, איהר האט 6 קינדער, און יעדעס פון אייערע 6 קינדער וועלען אויך האבען מיט דער צייט צו 6 קינדער—האט איהר שוין 36 אייניקלעך. שטעלט אייך ווידער פאר, למשל, אז יעדעס פון דיא 36 אייניקלעך וועלען אויך האבען צו 6 קינדער—זעהט איהר שוין וואס פאר א דור איהר האט געשאפפען! און אזויא ווייטער און ווייטער!...

יעצט שטעלט אייך פאר, אז די שלעכטע ערציהונג, וואס איהר האט איינגעווארצעלט אין אייערע קינדערלעך וועט איבערגעהן בירושה אין ווייטערע דורות, וועלכע וועלען פערבלייבען מאראלישע קאליקעס פון דיא איינציגע פאאר שלעק, וואס איהר האט אמאל געגעבען אייערע קינדער, קומט אויס—איהר הערט, טאטעס, מאמעס!—קומט אויס, אז איהר פערדארבט גאנצע משפחות, גאנצע דורות!!—יעצט זעהט איהר שוין וויא גרויס אייערע פעראנטווארטליכקייט איז? און וויא שטארק איהר פערזינדיגט אייך ביי א גאנצע וועלט מענשען——...

ניט איינמאל—ווען איך בעגעגען אין דיא רוישענדע גאססען פון ניו-יארק קליינע בויטשיקעס, וואס טראגען ארום ניוס-פייפערס אדער אזויא קליינע לויפערלאך, וואס חאפען זיך ארויף אונטען אויף דיא וואגענס און קארס—איך וויים ניט פאר וואס מאכען דיא בויטשיקעס גראדע אויף מיר אזא גוטען איינדרוק?—און וויל קוקען אויף זיי עפעס מיט א מין רעספעקט... עפעס דאכט זיך מיר אויס, אז פון יעדען לויפערל, ווער ווייסט? קען א מאל אויסוואקסען א עדיסאן, א ראקפעללער—א רוזוועלט... דערפאר רעכען איך, אז דיא געזעלשאפט, דער שטאאט, וואלט בעדארפט מעהר אויפמערקזאם זיין אויף די בויטשיקעס, מעהר וואכען איבער זייער ערציהונג און זיך אינטערעסירען אין זייא מעהר וויא אין אלע פילפאכע בעשעפטיגונגען—.

# קאפיטעל 4
## קינדער סקוהל'ס און קינדער פריזאנ'ס.

יעדעס לאנד, יעדע הויפטשטאָט אין אייראָפּאַ האט בייא זיך אַ געוויססע פּאָרציע פון זייער אייגענע פערדאָרבענע נידריגע שיכטע דער געזעלשאפט, דער חילוק אָבער פון איירָאפּאַ ביז אַמעריקאַ איז זעהר גרויס און בעשטעהט אין פאָלגענדעס: —

רוססלאַנד, למשל, האָט זיין אייגענעם סטאָק פון רוססישע שווינדלערס, רויבערס, גנבים און מערדערס — זעהר שעהן! —

דער רוססישער גנב אָבער וועט ניט זיין אַזאַ בהמה אוועקוואַרפען זיין היים און פאָהרען קיין פּאַריז אָדער איטאַליען ברעכען שלעססער, ווייל ער האט ניט דיא לאָקאַל־קענטניססע און קען ניט די שפּראַכע פון דעם פרעמדען לאַנד און מען קען איהם לייכט דערקענען, איהם כאפּען און אָנטהון זיין רעכט — דאס זעלבע אויך וועלען קיינע דייטשע שווינדלער אָדער פראַנצויזישע מערדערס זיך ניט לאָזען נאָך רוססלאַנד מיט זייערע פּראָפעסיאָנען וואו זייא קעננען ניט דיא שפּראכע און לאָקאַל־קענטניססע און וואו דאס ערשטע וועט מען זייא פרעגען אויף אַ פּאַספּאָרט און פּאַניע וועט באַלד דערקענען דיא באנדיטען אַז זייא זיינען ניט „איז נאַשיך"! —

אין אַמעריקאַ איז דאס אומגליק אַזויא גרויס, אַז עס פאַללען אַריין אַללערלייא סאָרטען באנדיטען פון פערשידענע לענדער דער וועלט — און דער באנדיט איידער ער דרעהט זיך אוים קען ער שוין פיעל ווענינ דיא לאַנדעס שפּראַכע און דיא לאָקאַלע אומשטענדען און אין דעם פרייען לאַנד ווערט ער אַ פרייער פויגעל —

דאס לאַנד בעטראַכטען זייא וויא דיא ערי־מקלט וואו עס לאזט זיך איין ערב־רב פּסולת פון אַללע לענדער. —

דאס נייע לאַנד זעהט די געפאהר און פראָובירט זיך פערהיטען מיט דעם וואס זיא שיקט אַרויס קאָממיסיאָנען צו אונטערזוכען דיא נייא געקוממענע. —

דער קאָמיססיאָן איז אָבער אונמעגליך גענוי צו אונטערשיידען צווי־

שען דעם פערפאָלגטען פון זיין לאנד עהרליכען ארבּייטער וואס קומט זוכען אַ שטיקעל בּרויט, בּיז אין דעם ענטלאָפּענעם טויגעניכטס און גע־פּעהרליכען פוסט און פאַסטניק, וואס קומט מיט לײדיגע הענד דורך רויבּע־רייען אָגלייגען פוללע קעשענעס מיט דאָללאַרס —

דיא קאָמיסיע קען דיא עמיגראַנטען נישט אַריינקוקען אין דער נשמה און אין הארצען! זיא האָט נור צווייא אינסטרוקשאָנס: בּעטאַפּען דעם עמיגראַנט די קעשענע צו האט ער געלט — און בּעטאפּען איהם דעם קאָפּ צו האָט ער ניט קיין „קרוין"... און פערשטעהן ניט, אַז מענשען קענען זיין גרויסע פּאַרכעס דוקא מיט אַ ריינעם קאָפּ... און איין עהרליכער מאַן קען דוקא נישט האָבּען קיין גראָשען געלד — דערפאַר מאכט זיך, וואס פיעלע אויפריכטיגע מענשען וואס זאגען דעם אמת ווערען צוריק־געשיקט, און דיא שווינדלערס זיינען אַזויא „סמאַט" אַז זייא פערשווינדלען מיט זייערע שיינהייליגקייט די בּעאַמטע און קומען אַריין אין מאַססען פראַנק און פרייא!...

און דער ערב רב האט קינדער אויך!!...

דער שטאאט איז אין אַ פערלעגענהייט און קען אַנדערש זיך ניט העלפען נור מיט דעם: צו מאכען פאר דיא עלטערע פּריזאָנס און פאר דיא קינדער סקוהלס צו לערנען זייא אַ פּראָפעסיאָן אום אויף דער עהרליכער אַרט צו זיכערען זייער עקזיסטענץ! —

אַמעריקא, קען מען זאָגען, איז זעהר פערשווענדעריש אויף בּילדונגס־אַנשטאַלטען, אין אמעריקא וואקסען יעדעס יאָהר צו, פּיעלע עלעמענטאַר־שולען און האָכשולען, וואס קאָסטען ענאָרמע סוממען געלד, פיעל מעהר וויא אין אַנדערע לענדער!... ווייל אַמעריקא איז פיעל רייכער פון זייא! און דאך זעהן מיר דא אַזא מערקווירדיגע ערשיינונג, וואס מען זעהט קוים אין אַנדערע לענדער: גראַדע אין דעם אָרט וואו עס ווימעלט מיט אַזוי פיעל בּילדונגס אַנשטאַלטען געפינען זיך בּעזאָנדערע געריכטס הייזער פאר קינדער! פּריזאָנס ספּעציעל פאַר קינדער! און אַללע צייטונגען שרייען און ליאַרמען אויף דיא קינדערשע גנבים, קינדערשע רויבּערס, קינדערשע מערדערס, וואס מאכען אונזיכער דיא גאססען און דיא קאַרס!!...—

האבען דען די לויפערס וואס מאכען אונזיכער די שטראססען, ניט דורכגעמאכט אַ סקוהל, וועלכע האט איהם געגעבען זאגאר דיא בעסטע אייס צייכנונג פאר גוט לערנען, און קענען דיא שולגעגנשטענדע?—וועניג געפינען זיך שוין גאר גרויסע, עלטערע, שטודירטע ליגנער און שווינדלערס, קאָרופטיווע בעאַמטע, וואס טראָגען אין דיא הענד דיא בעסטע דיפלאָממען?!...

ווען דיא געזעללשאפט זאלל נישט אַזוי זיין פארטראגען און צוטראָגען מיט ביזנעס, און זאלל זיך עפפענען דיא אויגען וואלט זיא געקענט אַרויסזעהן דייטליך דיא אורזאכע, אַז דיא גאנצע מכה קומט דערפון, וואס זיא לייגט מעהר געוויכט אויף דיא סקוהל־קענטניססע פון דיא קינדער וויא אויף זייער מאָראַלישער ערציהונג, וועלכע מוז שטעהן גראַדע דאָ, אין אַ פיעל העכערען גראַד פון דער קולטור־בילדונג! — נישט פריהער לערנען דעם קינד גראמער, געאַגראָפיע, גימנאַסטיק און ערשט שפעטער און אפשר צו שפעט אַריינקוקען איהם אין זיין נשמה'לע... נור פריהער פאַר אַללעמען דארף מען אָפּהיטען אַז זיין נשמה'לע זאָלל זיין ריין, זויבער, נישט כאפּען אויף זיך קיין פלעקען... דאס איבריגע איז שוין אַ קלייניגקייט! קענטניססע וועט ער שנעלל איבערנעהמען — דאס גוטטע וועט אָבער זיין, אַז ער וועט קענען גוט מאַטהעמאַטיק און וועט נישט וואגען בעשווינדלען זיין חבר און וועט קענען גוט שפיעלען אין באָלל און וועט זיך אויסהיטען ער זאלל חלילה נישט טרעפען דעם זיידען אין אויג אַריין! — —.

## קאפיטעל 5

# דער שעדליכער ווארעם אין דעם ווארצעל פון דער ערציהונגס־פפלאנצע.

בעפאָר מיר וועלען אָנשרייבען דעם היילזאַמען רעצעפט, דיא רפואָה ווי אַזוי אַנצוגעהמען דעם מיסקטור צו דער כ אָנישער קינדער קראַנקהייט— מוזען מיר צוערשט קאנסטאטירען דיא דיאַגנאָזע, איינע פון דיא וויכטיגע פרימיטיווע אורזאַכען, וואָס בעאיינפלוסט דיא שעדליכע ווירקונג אויף דעם קינד'ס צאַרטען אָרגאניזם—:

און דאס איז דיא אטמאָספערע פון דיא גרויסע קאַפיטאַל שטעדט!—

אָה דיא גאססען, דיא גאססען פון דיא גרויסע שטעדט! דיא אַליין זיינען שוין אימשטאַנדע צו פערדארבען דאס ביסעל ליישגאלד פון זיטליכ־קייט און מאָראל מיט וואס דיא לעהרער און דיא עלטערען האבען זיך בע־שטרעבט צו פערגילדען דעם קינד'ס יוגענד און דאס פערהיטען פון שיממעל און זשאַווער...

איבערגעלאָזט זיך אַליין, אָהן דיא קאָנטראָללע פון דיא לעהרערס און אויפזיכט פון דיא עלטערען, דרעהט זיך אַרום דאס נאך יונגע קינד אין דיא רוישענדע פרעהליכע גאססען, וועלכע צורייצען איהם דאס חשק מיט זייערע פערפיהרערישע שטיפערייען מיט שלעכטע חברים, מיט דעם לוקסוס, מיט דער פרייהייט, אהן בושה פון דעם הפקר לעבען, וואס דיא אַללע הויפט שטעדט ערלויבען זיך צו פיהרען געגען אַנדערע פראָווינציאַלע שטעדט און שטעדלעך—...

פאַרוואס פערבּיט איהר אין דיא גאססען אַרומדרעהן זיך יונגע ציגעלעך, קעלבּעלעך און יונגע לאשיקלאך — (ענטשולדיגט פאר דעם פראָסטען משל), ערשט, אַז זייא וואקסען אויס און ווערען דרעססירט ברענגט מען זייא אַריין אין שטאָדט און מען שפּאַנט זייא אן צו שלעפּען וואגענס—און אַייערע יונגע קינדער שפּאַנט איהר אַזויא גיך אן אין עול פרנסה זייא זאללען אַרומלויפען אין דיא גאססען מיט פּייפּערס אָדער אַנדערע סחורות צו ערנערען זייערע אונפערמעגליכע עלטערען!... איהר טויטעט אין דעם קינד זיינע קינדהייט—

און אַללע טהעאַטערע, מאַטינעע, זיינען אַללע ערשטע פלעטצער ביז דער גאַלעריע פולל מיט קינדער, און אין די פרעהליכע מוזיק האללען און שאַנטאַנס זיטצען דיא קינדער נעבּען דיא טישלעך און מיט אַזא פרעכער בּעקוועמהייט רויכען זייא סיגאַרעטען און זויפען גלעזער בּיער!... און וואס זעהן זייא אויף דער בּיהנע!...

דיא אַטמאָספערע, דער באָדען פון דיא גרויסע שטעדט איז ווערעמדיג און שעדליך פאר דיא בּעסטע יונגע פפלאַנצונגען — דיא מאָראַל, דיא זיטליכקייט, דיא זויבּערע ערציהונג זיינען אַזוינע צאַרטע פפלאַנצונגען, וועלכע מוזען זאָרגפעלטיג בּעוואַכט ווערען...

אַ מינדעסט שעדליך עלעמענט פערניכטעט זייא... דעם בּוריאַן, דיא קראָפּעווע, וואס וואקסט ארום זייא איז שווער אויסצופּאָללען... און דעם וואָרם, וואס נאָגט דעם וואָרצעל איז שווער צו פערניכטען...

מען מוז דיא יונגע פרישע שטיינגעלעך פון דיא זאפטיגע טרויבּען אַרויסנעהמען און פערפּלאַנצען אויף איין אנדער ריינעם זאפטיגען בּאָדען——

## קאפיטעל 6

# דיא פאבריק פון מענשען מאטעריאל: —

פליהענדיג מיט א שנעללצוג דורך וויטע פעלדער און וועלדער, האט זיך וועמען פון אונז אמאל ניט געטראפען ארויסצוקוקען דורך דעם פענס־טעריל פונ׳ם וואגאן און בעמערקען אויף א בארג, אדער אין א טהאל נעבען א וועלדיל שטעהן אין איהר רייצענדער איינזאמקייט דיא וויטלוי־פיגע געביידע פון א פאבריק, וועלכע, אין איהר אונערמידליכער טהעטיגקייט ארבייט אוים א געוויססען רויען מאטעריאל, פערפערטיגט א געוויסע מין סחורה צו שיקען זיא פערשלייסען אין דיא גרויסע שטעדט פון דער אומגעגענד —.

אויף אזא פרייען, שטיללען, איינזאמען פלאטץ, א האלבע אדער מעהר פון א האלבע שטונדע רייזע, דארף יעדע קאפיטאל־שטאדט אדער זאגאר גרויסע פראווינץ־שטאדט אויפבויען זייערע אללע ער־ציהונגס—אנשטאלטען, אנגעפאנגען פון דער קליינער עלעמענטאר־סקוהל ביז אין דיא גרעסטע היי סקוהל׳ס! — און אין דיא פאבריקען וועט קענען אונגעשטערט אויסגעארבייט ווערען דער יונגער רויער מענשען־מאטעריאל און פערפערטיגט ווערען אין דער צוקונפט פאר דער שטאדט, דיא בעסטע, פיינסטע סארטע פון קאסטבארע נוטצליכע ארטיקלען... דיא צירדע און שטאלץ פון דער גרויסער שטאדט — פרישע, געזונדע גליעדער פון איהר סאציאלען קערפער! — — .

דער גרויסער שעהנער פארק וועט ענטהאלטען אין זיך פערשיעדענע ריינע, גראמע געביידען—וואהנונגען פאר לעהרער, ערציהער און אנדערע בעאמטע, וויא אויך דיא וואהנונגען פון דיא קינדער וועלכע וועלען דארט וואהנען ביים פערטיגער קליידונג, בעקעסטיגונג — פאנסיאן — אויסגעהאלטען פון דער שטאאטס־קאססע —

מעהר פערמעגליכע עלטערן וועללען בייטראגען פאר זייערע קינדער פריוואט, א געוויססע מעססיגע איינצאהלונג —.

דאס קינד, אנגעפאנגען פון 6 יאהר דארף צוגענומען ווערען פון זיינע עלטערן׳ס היים און אריינגעגעבען ווערען אין דער צווייטער היים! און ניט צוריקקעהרען זיך אין דער גרויסער שטאדט ביז ער וועט ניט ענדיגען זיין געוויססען גראד שטודיום—.

ווען איך דריק מיך אויס „צוגענוממען ווערען פון זיין עלטערנ׳ס היים" זאללען זיך דיא עלטערן ניט איבערשרעקען און מיינען, אז מען וויל זייא חלילה אוועקרויבען זייערע קינדער!—דיא פראגע איז פון וואס פאר א סארט קינדער און פון וואס פאר א סארט עלטערן מיינט דא דער פסוק? —

מיר מיינען דיא קינדער וועלכענס עלטערן זענען בעשעפטיגט און אונפערמעגליך —.

מיר מיינען קינדער, וועלכענס עלטערן זיינען נאך אליין אונערצוי־גען און פיהרען צווישען זיך איין אונאנשטענדיגעס פאמיליען—לעבען און טרייבען אליין ארוים דיא קינדער פון דער היים נישט מיט דעם צוועק זייא זאללען געהן לערנען אין סקוהל, נור אבי פטור צו ווערען פון זייא פון דער שטוב—ענדליך.

מיינען מיר קינדער פון שטיפ־טאטעס און שטיפ־מאמעס—.

אזוינע עלטערן פון קינדער דארף מען ערקלעהרען זייא זאלען וויס־סען, אז דאס קינד געהער אויך אזויא פיעל צו דער געזעללשאפט וויא צו זייא אליין! — און עס ווערט נור אויסגעבארגט פון זייא אויף א קורצער צייט מען זאלל׳ס לערנען און ערציהען; און נאך דעם שטודיום וועט דאס ווילדע רויע קינד אריינקומען צוריק אין זיין שטאדט שוין אלס פאלקאממענער אינטעליגענטער מאן! — דיא עלטערן וועט מען אפגעבען צוריק זייער גוט ערצויגענעם, געלערנט, פיין קינד, וואס וועט זייא פער־גניגען און עהרע מאכען... און דער שטאדט, אדער דעם שטאאט, וועט מען אפגעבען איהר געטרייען, פיינעם און נוטצליכען בירגער—.

סענטעמענטאללע עלטערן וועללען קענען איין מאל אין דער וואך, א

שבת אדער א זונטאג זיך דורכפאהרען צו דער אנשטאלט בעזוכען זייער קינד און אנטישען זיך מיט דעם !—

וועט אייך איינער זאגען, אז ער איז אימשטאנדע אליין, בייא זיך אין דער היים צו ערציהען און לערנען זיין קינד, זאלט איהר אייך הייסען באלד וויזען זיין ווייב... און וועט זעהן:

איז זיא איינע פון דיא פיינע, קלוגע, אנשטענדיגע, ארדענטליכע אשת חיל'ס—מעגט איהר איהר איבערלאזען דאס קינד—.

טאמער איז זיא אבער איינע פון דעם יאסניע וועלמאזשנע צימעס, וואס איהר לעבען איז נור מאדערנ־מאגאזינס, בעדער, פרייע ליעבע... זאלט איהר דאס קינד בייא איהר צונעהמען און זיא וועט אייך נאך דאנקען...! ווייל זיא וויל דאך איינרייעדען איהר פיק־ניק—טענצער אז זיא איז נאך גאר יונג... און דארט דרעהט זיך גאר פאר דיא אויגען איהר ערוואקסען טעכטעריל, אדער בויטשיקעל, וואס זאגען שטארק עדות אויף איהר לאנגע יאהר!...

איינינע פאראגראפען:—

1) פראפארציאנאל מיט דער צאהל לעהרערס און פראפעסארען דארפען זיין דיא צאהל פון דיא „ערציהער", וועלכע זיינען וויכטיגער, זאגאר, פון אנדערע בעאמטע:

2) דער ערציהער דארף בײם לערנען, נאכ'ן לערנען, בײם עססען, שלאפען, בײם שפאצירענ־געהן ניט אפטרעטען פון דעם קינד און איהם נאכגעהן וויא א יונקער זיין אפיציער—

3) דער ערציהער דארף בעאבאכטען און שטודירען סטריקטלי דעם כאראקטער, דיא פעהיגקייטען, דיא נייגונג פון יעדען קינד און זייא אונטערריכטען אין מאראל און זיטליכקייט—! נור אללעס מיט גוטען, אז דאס קינד זאלל אויף איהם קוקען וויא זיינער איין עלטערער פריינד און קאללעגע, ער דארף מיט זיינע אינטערעסאנטע רייד און בענעהמען זעהען געווינען דיא סימפאטהיע פון דעם קינד, וואס וועט איהם צאהלען אליין זיין רעספעקט!—

4) דער ערציהער דארף פראקטיצירען מיט זיין יונגען תלמיד שפיעל־

לענדיג דיא גרויססע אויפגאבע פונ׳ם סאציאלען לעבען אין בעצוג אויף דעם פיינעם אומגאנג און בענעהמען מיט יינע יונגע חברים: נישט שימפפען, נישט בעטריגען, נישט זיך פערפיינדען מיט זיינע קאלעגען... און דיא געוואהנהייט וועט ווערען ביא איהם א צווייטע נאטור.... און וועט זיך שפעטער אזויא ברידערליך בעגעהן מיט זיינע ערוואקסענע נעבען־מענשען, אז מען וועט איהם ניט דארפען מעהר פרעדיגען: „ליעבע דיינע נעכסטען״! —.

5) דיא ערציהער דארפען זיך צוהערען, וואס דיא קינדער ריידען צווישען זיך...

קאנטראלירען דיא ביכער וואס זייא דארפען לעזען —.

קיינע שטעדטישע צייטונגען צולאזען צו דער אנשטאלט!

פעהיגע קינדער זאללען זיך בעשטרעבען אליין ארויסגעבען א קינדער־צייטונג און זיך אויסארבייטען אין דער זשורנאליסטיק —, מאכען זיך איי־גענע מוזיקאלישע און דראמאטישע אונטערהאלטונגען (אויך גימנאסטי־שע) — מאכען זיך אייגענע פאליטישע פערזאממלונגען און אייגענע רעדנער א. ז. וו.—

6) דיא ערציהער ווען זייא בעקומען א שלעכט קינד בטבע, איין עקשן, זאלל מען עס חלילה נישט שלאגען נישט זידלען עס אפילו מיט שימפפווערטער — דיא איינציגע שטראפע פון איין אונגעהארכזאם קינד זאלל זיין דאס באיקאטען: —

דער ערציהער אין איינעם מיט זיינע איבעריגע קינדערשע קאלעגען דארפען איהם באיקאטען אויף א געוויססע צייט — קיינער זאלל מיט איהם נישט ריידען, נישט אנטהייל נעהמען אין אלגעמיינע אונטערהאלטונגען, ניט עססען ביא איין טיש—מיט איינעם ווארטע, זיינע קאלעגען דארפען איהם איגנארירען, צייגען איהם דיא גרעסטע פעראכטונג ביז ער וועט תשובה טהאן — —.

אנמערקונג:

אין אללגעמיינעם דארף דיא אנשטאלט אויסזעהן פאר דיא קינדער

נישט וויא א פריזאן וואס מ׳האט זייא אהין פ ע ר ש י ק ט נור — וויא א גן־עדן! — זייא דארפען לעבען א פ ר י י ע ס לעבען, נור ניט קיין ווילד לעבען, קיין הפקר לעבען...! דערפאר איז צו בעמערקען

7) אז די א ע ר צ י ה ע ר זאללען ניט קוקען אויף דער אינסטיטוציאן וויא אויף א „ב י ת ה י ת ו מ י ם" וויא מאנכע בעאמטע ערלויבען זיך צו בעהאנדלען די א פ א ר ל א ז ע נ ע ש ע פ ע ל א ך מיט איין ארט פ א ל י צ ע י ס ק ע ב ר ו ט א ל י ט ע ט... ווייל זייא האבען קיין עלטערען נישט... זייא דארפען ל י ע ב ה א ב ע ן די א קינדער!!—.
איינס פון די א הויפטזאכען, וואס איז צובעמערקען איז, אז

8) די א ע ר צ י ה ע ר דארפען זיין גוט בעוואנדערט אין דער געבוירענער בעשאפענהייט און פעהיגקייט פון יעדען קינד —: דער לעהרער גיט אויף פאר א ל ל ע קינדער איין לעקציאן עס געהט איהם ניט אן אויב ד א ס קינד האט א ג ו ט ע ן קאפ און קען ל י י כ ט ע ר איבער־נעהמען, אדער י ע נ ע ס קינד האט בטבע א ש ל ע כ ט ע ן קאפ און עס איז איהם ש ו ו ע ר איבערצונעהמען; דערווייל איז דאס א צער בעלי החיים... און דאס ווענינ באגאבטע קינד מוז זיך נעבאך קוועהלען נאכצולויפען דעם גוטען קאפ און זיין גאנץ מארטערען זיך איז נעבאך אומזיסט! — דער ע ר צ י ה ע ר מוז דאס אנזעהן און אפ־טהיילען די א גוטע קעפ צו א ש ו ו ע ר ע ר קאפ ארבייט, און די א ש ו ו ע ר ע קעפ צו א גרינגער קאפ ארבייט אדער בעססער צו א פיזישע ארבייט —.

ביים ענדע פונ׳ם גאנצען שטודיום דארף דער שטודירענדער זיין פערזעהן מיט צ ו ו י י א דיפלאמען: א י י ן דיפלאם באקומט ער פון זיין ע ר צ י ה ע ר פון זיינער אויפפיהרונג און דעם צווייטען באקומט ער, וויא געוועהנליך, פון די א פראפעסארען פון זייער ק ע נ ט נ י ס ס ע אין שול געגענשטענדע —.

## קאפיטעל 7

# דיא לאנד שוהלען.

איך האָב דא געפּרואווט געבען אַ קליינעם אומרים, ענטווערפען דעם ושענעראל־פּלאַן וויא אַזוי צו לייגען דעם ערשטען פונדאמענט פון דיא וויכ־טיגסטע רעטטונגס־אַנשטאַלטען פון דער ערציהונג פונ'ם נייעם דור — דיא לאַנד־שוהלען — אויב דער פּלאַן וועט אָנגענומען ווערען וועט מען שוין דאַן בעשטימען איינע קאָממיסיאָן, וואס וועט זיך אָפּגעבען ספּעציעל מיט דער איינוועגדיגער איינריכטונג, מיט דער דיסציפּלין פון דער ערציה־הונג און מיט דיא מעטהאָדען און סיסטעמען פון דעם קולטור אונטעררינכט א. ז. וו.

דיא הויפּטזאכע, וואס איך וויל שליסליך, בעמערקען בעשטעהט אין דעם, אַז, בערעכענדיג אין פערלויף פון אַ האלבען יאָהר־הונדערט אללע פערשיעדענע ערשיינונגען און אומשטענדע, קאלקולירענד אַללע פּעללע, צופּעללע און אָנפּעללע. בין איך געקוממען צו דער איבערצייגונג, אַז אום אָפּצוראַטעווען שנעלל און פראַמט דעם צוקונפטיגען דור פון דעם איבעל וואס דיא טרויעריגע פּראַקטיק ווייזט אונז אין דער ווירקליכקייט, מוז דער שטאַאט און דיא געזעלשאפט זיך אָנטהאָן כח, ניט אָפּשרעקען זיך פאר גרויסע שפּעזען און לאזען בויען פערנער זייערע סקוהל'ס און ער־ציהונגס אַנשטאַלטען אויסער דעם סוירקעל פון יעדער גרויססער שטאָדט! — ווייט פון דעם רעש פון דער ביזנעס וועלט... פון דער געשטיקטער לופט... פון דיא אַנשטעקענד־שלעכטע־בייששפּיעלע דער אומגעבונג... און איבערטראָגען דיא געביידען אין דער איינזאַמער, שטיללער, לופטיגער געגענד צווישען היממעל און פעלד! —.

איך מיין צו גלויבען אַז אויך אין איהר בודזשעט, זאלל זיך דיא שטאדט האבען פיעלעס איינגעבראכט!... דען, נאך בעענדיגען פונ׳ם שטודיום וועט מען צוריקגעבען דער געזעללשאפט, קאָרפּאָלענטע, געזונדע מיטגליעדער אָנגעשפּיגעווט מיט פרישע פעלד־לופט און זיך אַיינשפּאָרען אין—האָספּיטעלער... דעם יונגען בירגערס געלעהרזאמקייט וועט ניט זיין אָבערפלעכליך, ער וועט זיין אַיינגעוואוינט, אַז זיין ספּעציעלע פּראָפעסיאָן זאלל ניט זיין נור פאר זיין אייגענע נוטצען נור, פאר׳ן וואהל און בעסטען דער גאנצער געזעללשאפט און אַלס טרייער געווים־סענהאפטער שטאאטס מאן וועט ער ניע זיין קאררופּטיוו!!...

און וואָס דאָס וויכטיגסטע: אַז בעזיטצענד איינע אונבעשאָלטענע אויפפיהרונג, דורכגעדרונגען פון העכסטער מאָראָל און זיטליכקייט, וואס דיא ערציהונג האט אַיינגעפלאנצט אין איהם פון קינדהייט אָהן. וועט צוריק קוממען דער יונגער בירגער אין זיין גרויססער היים מיט אַ ריינער אונבעפלעקטער נשמה, מיט אַ זויבער האַרץ און מיט עהרליכע געוויססען, אַז דיא שטאדט וועט זיך איינברייגגען פיעל אין געריכטס־הייזער, אין פּריזאנס, און אין אַ גרויססען סטאק פון הילצערנע קלאָבּס...

# דור בא

---

צווייטער טהייל.

---

צווייטע אבטהיילונג

---

## אונזער רפואה בפרט פאר אידען.

---

# פערצייכנים:

קאפיטעל א. — שמע ישראל! (אין דרייא פרשיות)

קאפיטעל ב. — דיא דרייא קאטעגאריען „אידען"—:
1) אמעריקער— 2) אידישע אמעריקאנער. 3) אמעריקאנער אידען.

קאפיטעל ג. — דיא ענציקלאפעדיע פון דער אידישער עטהיק—.

קאפיטעל ד. — כי מאמעריקא תצא ישועה.

קאפיטעל ה. — האללי דיים און ימים טובים.

קאפיטעל ו. — „וְאָתָא מַיָא וְכָבָה לְנוּרָא"...

קאפיטעל ז. — דיא ווערעמדיקע עפעלעך פון דעם אידישען יחוס־בוים.

קאפיטעל ח. — דיא העברעאישע שפראכע און אידישקייט אלס הייליגע מערטירער

קאפיטעל ט. — אידען ראטעוועט!—

קאפיטעל י. — סוף דבר אָדער צווייא וויכטיגע פונקטען!—

# קאפיטעל א.

# שמע ישראל!

(אין דרייא פרשיות)

— ביז אהער האָב איך גערעדט בכלל!
יעצט ציה איך ארויס דעם פרט פונ'ם כלל און רעד
דירעקט צו מיין פאָלק ישראל — צו מיין אומה! —

## פרשה א

אויף אונזער אומה ליגט אַחוב גמור צו פאַראַנגעהן מיט דעם ערשטען ביישפיעל ווען עס האנדעלט זיך צו רעטטען איהר כבוד, איהר נאציאנאלען שטאלץ, דיא צוקונפט פון איהרע אידישע קינדער, וועלכע לויפען אזויא שנעלל פאראויס, זייא זאללען ניט אַריינפאללען אין דעם טיעפען תהום... און מיטשלעפען מיט זיך דיא גאלדענע פערגאנגענהייט פון זייערע בעריהמ־טע, זשעניאלע זיידעס און אין איינעם מיט זייא בעגראבען ווערען חלילה אויף אייביג!...

## פרשה ב

אויף אונזער אומה ליגט דערפאר אַ חוב גמור צו פאַראַנגעהן מיט דעם ערשטען ביישפיעל וועגען מאָראַלישער ערציהונג פון דיא קינדער; וויל, ליידער, האט אונזער אומה אומזיסטיגע פ ר ע מ ד ע און א י י־ג ע נ ע שונאים — לעגיאן! און יעדען שמוטץ איז מען געוואוינט צו וואר־פען אויף אינז און מען טראכט אויס אויף אונז נישט געשטויגענע געפעהר־ליכע בלבולים! —.

ווען אַ באָי פון איין אַנדער אומה וועט אין דעם לאַנד בעגעהן א פער־ברעכען וועט מען זאגען סתם, אז א באָי האט דאס און דאס געטאהן;

לאַז אַ אידישער בּאַי בּעגעהן אַ מאָל אַ חטא וועט מען בּאלד קלינגען אלאַרם און מען וועט אויסטייטשען בּפירוש, אז דאס האָט געטאָהן אַ „דזשו" אָדער אַ „שיני" — און פון דעם פּאַטש וואס דער אידישער בּאַי בּעקומט טהוט ניט נור איהם אליין וועה, נור פון דעם פּאַטש הייבּען אָן צו פלאַמ־מען דיא בּאַקען פון אללע אידען אין אַמעריקאַ און אַפילו פון אללע אידען פון אַנדערע לענדער אין דער וועלט! —

דער האַסס פון דיא אומות העולם צו אונז אידען איז אַזוי גרויס, אַז ווען איין איד צייכענט זיך אויס מיט זיין אינטיליגענץ און הויכע קולטור בּילדונג — ציהען זייא ארויס דעם פּרט פונ'ם כלל און זאגען אַז דער איד איז גראָד אַ פיינער, אָבער אַללע איבּריגע מעג מען פערברענען! מאכט זיך אַ מאל אז איין איד בּעגעהט אַ פעהלער, שרייען זייא אז אַללע אידען זיינען שווינדלערס —

דיא גאַנצע אומה טראגט אויף זיך דיא פעראַנטוואָרטליכקייט פון יעדען איינצעלנעם אידען...

— כל ישראל ערבים זו בזו!

## פרשה ג

ענדליך—אויף אונזער אומה ליגט דערפאַר דער חוב גמור מעהר חייא אויף אַנדערע צו פאַראַנגערן מיט דעם ערשטען בּיישפּיעל, ווען עס האַנדעלט זיך צו ערציהען איהרע קינדער אויף דעם געביטה דער ריינער זיטטליכקייט זויבּערער מאָראל, און וואהרער מענשליכקייט, ווייל דיא אומה איז געוועזען דיא ערשטע, וואס האט פערפאַסט פאר דער וועלט דאס בּוך ספר החיים — דיא תורה! — און אַזויא וויא אונזערע אור־אור־על־טער זיידעס האבּען אַריינגעבּראַכט אַמאל דאס „בּוך" פון דער מדבר קיין כנען צו לערנען אללע אויסשווייפענדע, ווילדע געטצענדיענער דיא ריינע געטטליכקייט און מענשליכקייט און שפּעטער האבּען ווידער אונזערע אור־זיידעס דאס זעלבּע בּוך אַריינגעבּראַכט אין דעם נאך ווילדען אייראפּא און מיט זיין הייליגען מוסר פון מענשען־ליעבּע ציוויליזירט אללע דאמאלליגע פעלד גזלנים, ריטטער, היידאַמאַקעס און דעספּאָטען; אַזוי איז דער חוב פון דיא אייניקלאך פון דער אומה אַריינצוברייננגען דעם זעלבּען מוסר ספר

אין דעם נייעם לאנד פון מאַטריעלען קאפּיטאַליזמוס און .איינצופלאנצען אויף דעם פרישען באָדען דיא זאַפּטיגע קערנער פון איהר מאָראַליש אידעאַ־לישען גייסט — .

דאס לאנד איז אַזויא גוט און וואויל און האט געעפענט איהרע פרייע טויערען פאר אונזערע ארעמע פערפּאַלגטע ברידער און זאָגט צו זייא: — קומט אַהער ברידער! איך האב גענוג גאָלד און ברילליאַנטען, נעהמט געניסט מיט אונז צוזאממען, לעבט אין נחת און אין פריידען, ווערט מילליאָ־נערען, מיר טהיילען זיך מיט אייך אונטערדריקטע נאָך מיט אַ גרעססען קאַפּיטאל, וואס אַ מענש מוז בעזיטצען — „פרייהייט“!

יאָ? און מיט וואס, קעננען מיר נייע געסט על פי יושר געגענזייטיג פערגעלטען אונזערע עלטערע ברידער פאר זייער גוטסקייט? —

מיר מוזען אַרויסנעהמען אונזער גייסטיגען אוצר און בעקרענצען זייערע קעפּ מיט דיא שמעקענדיגע שעהנע בלוממען, וואס זיינען אויס־געוואקסען בייא אונז אין גארטען... מיט דער מתנה, וואס מיר האבען בירושה פון אונזערע עלטערען... מיט דעם אוצר, וואס איז מעהר ווערטה פון גאלד און ברילליאַנטען, מיט דעם רייכטהום, וואס אונזער אומה איז רייכער פון פיעל אַנדערע... מיר מוזען אויך העלפען קולטיווירען דעם פרישען באָדען, מיט אונזערע עקזאָטישע זאפטיגע קערנער פון זויבערן פאמיליען לעבען, מדות טובות און מעשים טובים!! —.

## קאפיטעל ב.
# דרייא קאטעגאריעס אידען.

1) אמעריקער
2) אידישע אמעריקאנער
3) אמעריקאנער אידען —.

די הויפט פראגע, וואס מען דארף שטעללען אידען אין אַמעריקא איז—וואס פאר אַ סארט „אידען" ווילט איהר פון אייערע קינדער מאכען?—

### 1) אמעריקער.

מיר וועללען זיך ערלויבען צו בארגען אויף אַ מאָמענט די עלעק־טרישע מאשין פון די רעגגענד־שטראַהלען אום זיך צו בענוטצען אריינצו־קוקען דורך דער גערדיכטער מאססע פון דער „צוקונפט" און זעהן ווי א וועלען אויסזעהן די ווייטערע, שפעטערע דורות פון דעם לאַנד —.

אין דער ווייטער צוקונפט, ווען די עמיגראַציאן פון אַללע לענדער זאלל זיך איינשטעללען אין דער שטארקער שטראם זאלל, דורך געוויססע אומשטענדען, זיך אויפהערען צו פליססען און וועט אפשר גאַר אוועק אין איין אַנדער זייט פון דעם וועלט טהייל, וועט זיך דא אויסבילדען אין דער צוקונפט גאר אַ נייע ראַססע — די צוקונפטיגע ראַססע וועט אַזויא אויסלאכען די מנהגים און די איינריכטונגען און שטאלצירען מיט זייער פראגרעסס געגען די „אייראפּייער" פונקט וויא די אייראָפּייער לאכען אויס די מנהגים פון די „אַזיאטען" און שטאָלצירען געגען זייא מיט זייער פראגרעסס — די נייע ראַססע וועט טאָטאַל פערגעססען צו איהר־אור־אור־עלטער זיידע איז אַ מאָל געוועזן אַ דייטש, איין איטאַליענער, אַ רוסס א. ז. וו.

די נייע ראַססע גילוסט זיך מיר לזכרון אום ניט צו פערגעססען בע־צייכענען מיט דעם נאָמען „אמעריקער"—

זעלבסט פערשטענדליך, לויט יעצטיגער ערציהונג וועללען אויך

אונזערע א י ד י ש ע קינדער צוזאממען מיט אַללע אַנדערע יעצטיגע פער־שיעדענע עלעמענטע, ראַססען, נאַציאָנען צ ו ש מ אָ ל צ ע ן ווערען אין דעם טיגעל, וואס וועט אַרויסוואַרפען די נייע פאָרם פון גאר אַ נייער ראַססע!—

## 2) אידישע אמעריקאנער.

דאס איז אַ סאָרט אַמעריקאנער, וואס דאס אידישקייט שלעפּט זיך נאָך נאָך פון פריהער און איז צ ו ג ע ק ל ע פּ ט וויא אַ נאַס העמד צו זייער לייב ווען מען געהט אַרויס נור וואס פונ׳ם וואססער... עס דארף נור דויערן אַ קורצע צייט וועט מען אויסטאָהן דאס נאַססע העמד און דאס לייב וועט ווערען גוט אָפּגעריבען און אויסגעטריקענט...

אַזוינע סאָרט אידען רופען זיך „רעפאָרמער", זייא ווילען אַזויא לאַנג רייבען און דרעהען, און אויסקוועטשען דאס אידישקייט ביז עס וועט מיט דער צייט אין גאנצען בייא זייערע שפּעטערע דורות אויסגעטריקענט ווע־רען —

פון אַזא קאַטעגאָריע „אידען" איז נישטאָ וואס צו ריידען —

ד ע ר דור וועט, וויא דער דור המדבר אין גאנצען אָפּשטארבען פונ׳ם יודענטהום! — און דאס יודענטהום וועט דערפון ג אָ ר נ י ש ט בדלות ווערען... עס שרעקט זיך נישט פאר אַזוינע פערלוסטע!... הערט איהר! דערפאר זיינען מיר דאך דיא ק ל ע נ ס ט ע אומה! דען ווען מיר זאָללען קענען צונויפנעהמען אַ ל ל ע אונזערע מאַססען גרויבענס־געגאָססען פון דער צייט זייט מיר זיינען געווארען אַ אידישע אומה ביז י ע צ ט, אַללע אונזערע ברידער, וואס האבען זיך אַ ל י י ן אָפּגעטהיילט פון אונז, אַללע וואס מען האט אָפּגעריססען פון אונז מיט גוואַלד דער טויפע, וואס מ׳האט אויסגעקוילעט פון רעליגיאָנס־האַס, וואס מען האט פערניכטעט און מ׳האלט נאך אין איין פערניכטען פון ראַססען־האַס, וואס זיינען אויסגעהרג׳ט גע־ווארען אין דיא מלחמות מיט אַנדערע פעלקער א. ז. וו. וואָלטען מיר געווען דיא ג ר ע ס ט ע פון אַללע אין דער צאָהל — דערפאר זיינען מיר נור קליין אין דער ק וו אַ נ ט י ט ע ט, אָבער זעהר גרויס אין דער ק וו אַ ל י ט ע ט! און לעבען איבער און וו ע ל ל ע ן נאך איבערלעבען דיא גרעסטע מ ע כ ט י ג ס ט ע אומות!!...

וואקס ווערט צושמאָלצען פון דער זון — בריליאַנטען ווערען נאָך מעהר פערהארטעוועט!...

## 3) אמעריקאנער אידען.

וואס דען קענען מיר און מוזען זיין — „אמעריקאנער אידען"!. — דאס היסט צוערשט אמת'ע „אידען" און אויך אמת'ע געטרייע אַמעריקאנער בירגער, וואס מוזען אָפּפערען זייער גוט און בלוט פאר דעם לאנד, אין וועלכען זייא וואהנען, עקזיסטירען און לעבען! ———.

דער פראנצויזישער קריטיקער און פילאָזאָף וואָלטער זאָגט: אויב דוא ווילסט זיין אַ „קריסט", סטאַרע זיך צו זיין פריהער אַ „מענש" — און מיר זאגען: אויב דוא ווילסט זיין אַ מענש, סטאַרע זיך צו זיין פריהער אַ „איד" — דען אין „אידען" ליגט שוין דער „מענש" אויך—.

ווען מיר זאגען „אידען" מיינען מיר ניט דיא אידען, וואס מיר בעגעגענען אָפּטמאָל פאר אונזערע אויגען, וועלכע זיינען נור אַ שלעכטע קאפּיע, אַ פאַראָדיע אויף דיא „אמת'ע אידען" און טראָגען נור דעם נאמען איד אויף זיך וויא אַ וויין־באטעל, וואס אויף איהם איז צו־געקלעבט איין עלעגאנטעס לייבעל, וואס אַדווערטייזט דעם גוטען אינהאלט, ווערהענד אין דער פלאש געפינט זיך גאָר אַ מין זויערע קאלעטוכע... מיר מיי־נען אידען מיט זייער ריינער געטטליכער נשמה! — מיט זייער אידעאַ־לישער ערהאבענהייט!... מיר מיינען אידען מיט זייער הייליגע דינים פון נעכסטען־ליעבע! מיר מיינען אידען מיט זייער זויבערען פאמיליען־לעבען! מיר מיינען אידען, מיט זייער געפיהל פון רחמנות, טאָלעראנץ, מוסר השכל, מדות טובות און מעשים טובים!! —

## קאפיטעל ג.

# דיא ענציקלאפעדיע פון דער אידישער עטהיק.

מיר וואלטען געוואונשען, אַז מאנכע אינטעליגענטע פון אונז זאללען איבערזעטצען אין ענגלישען, אדער אין אנדערע פרעמדע שפראכען איינינע אידישע דאקטרינען, מיט וואס דער אמת'ער איד בעדינט זיך צו ערציהען זיין קינד. פאַרלעגען דיא איבערזעטצונג פאר אַללע אנטיסעמיטען און אויך אידישע גוים זויא זאללען זיך איבערצייגען צו האט זיך דער איד צו שעהמען געגען אַנדערע נאציאָנען מיט זיין טיטעל — „אתה בחרתנו: — —

איך וועל צוליעב טהון דיא הויכע קולטור מענשען און דאָ דווקא ניט בעריהרען דעם אידענס רעליגיעזע זייט, ניט זיין נאציאָנאַלי־טעט, ניט זיין שפראכע, איך וויל נור אַרויסשטעלען צו דער עפענטליכער וועלטס אורטהייל — דיא ריינע מענשליכע זייט — .

לאזען זיי נעהמען למשל, אַ דיקען סדור כתר תורה מיט'ן פירוש האר"י און איבערזעטצען, דיא אללע מיט קליינע בוכשטאבען געדרוקטע הלכות, הנהגות און דינים פון דרך ארץ, סבלנות, ריינליכקייט, אומגאנג מיט'ן מענשען, אין דער היים וויא אין דרויסען, נאך בעפאר ער טרעט צו צום דאווענען — דאס הייסט בעפאר ער טרעט צו צו דער אודיענץ מיט זיין אידעאל; ווייל אין זיינער בעגייסטערונג וועט ער דאך שפעטער זיין מעהר אויף דעם הימעל וויא אויף דער ערד, מוז ער פריהער אין אָרדנונג בריינגען זיינע ערדישע מענשליכע פפליכטען — ; זעצט איבער דיא ערשטע „יהי רצון'ס", וואס דאס שוואַכע ווע‍זען „מענש", ווען ער שטעהט אויף פריה, בעט דעם אלמעכטיגען־גאטט ער זאל איהם אָפהיטען פון שלעכטע צופעללע, פון אַ שלעכטען שכן, פון אַ שלעכטען חבר, ווען ער וועט דאר־פען באלד קוממען אין בעריהרונג מיט זיינע נעבען־מענשען... און פון וועלכע דער פראקטישער חכם קען זיך ניט אויסהיטען...

—און דיא „ב ר כ ו ת"׳ וואס א אידיש קינד מאכט יעדען טאג זייט ער עפפענט דיא אויגען, ליגט א גאנץ אנדערע פ ר א ק ט י ש ע טהעאריע — דאס ערהאבענע געפיהל דער ע ר ק ע נ ט ל י כ ק י י ט!

דאס אידישע קינד געוואהנט זיך פון קליינערהייד אן אויסצודריקען דיא געפיהלע דער ד א נ ק ב א ר ק י י ט פאר יעדער זאך וואס עס ווערט איהם געגעבען, זאגאר פאר יעדער זאך וואס ער עסט און טרינקט גע־וואהנט מען איהם צו דאנקען ד ע ם, וואס האט עס געשאפען, איהם גע־געבען, און פארבערייטעט צו זיין גענוס... און אויף דער ארט ווערט לאנגזאם איינגעווארצעלט אין איהם דאס געפיהל דער ערקענטליכקייט צו זיינע עלטערען וויא אויך צו דיא אללע ערפינדער וואס האבען עטוואס געשאפען דורך זייער זשעני צום וואהל און נוטצען דער מענשהייט... נו און פון דיא „פ ר ק י א ב ו ת" איז דאך קיינע רעדע מעהר! לאז זאגען דיא קריטיק צו געפינט זיא נאך ערגעץ בייא קינדער אזא עלעמענטארנע שול־בוך, אזא מאדעל פון א מאדערנעם פראקטישען עוואנגעליום!...

נא? — און פאר אזא נאציאן, וואס ברייגט אריין איהרע קינדער מיט אזעלכער ערציהונג — דארף זיך דער אמעריקאנער שרעקען ער זאלל איהם נישט פערדארבען זיין לאנד?!!...

אמת׳ע אידען זיינען פון אייביג אן אויך אמת׳ע פ א ט ר י א ט ע ן פון דעם לאנד וואו זייא וואהנען! צום בעוויז, אז אפילו ד א אידען וואס וואהנען אונטער דעספאטישע טיראנישע הערשער, וואו מען הרג׳ט זייא, שלאגט זייא, שימפפט זייא, בעראבעוועט זייא אהנע רחמנות פ ר י י ט א ג, לויפען זייא אויף מארגען שבת נאך אין שוהל מאכען א „מי שברך" דעם קייזער...

דאס זיינען נור זייערע קינדער דיא „חליעבנאקוואסניקעס" וואס שעה־מען זיך מיט דיא עלטערענס אידישקייט, וואס ווארפען דינאמיט—באמבעס... און צורייצען דיא ווילדע בעסטיעס נאך מעהר זייא זאללען זיך באדען אין דעם בלוט פון זייערע אייגענע אונשולדיגע עלטערען, שוועסטער, ברידער און פיצעלעך קינדער!...

## קאפיטעל ד.

# כי מאמעריקא תצא ישועה.

נאך וויכטיגער פאר דיא אמעריקאנער אידען זייא זאללען ערציהען זייערע קינדער אין אמעריקא פאר אמת'ע אידען אויך, איז דער אומשטאנד; ווייל אונזערע ברידער זיינען צוזעיט אין אללע לענדער דער וועלט, מייסטענס אונטער דער הערשאפט פון דעספאטען און ווילדע פעלקער, ביי וועלכע אונזער נאציאן מיט איהרע בעסטע מעלות און רוהיגקייט איז שטענדיג דאס כפרה הינדעל, און מיר האבען קיין קאנסולען ניט, זיך אנ־נעהמען אין אונזער קריוודע; זאללען זייערע גליקליכערע ברידער, וואס האבען דאס מזל צו וואוינען אין פרייע לענדער און ביי הומאנע רעגירונגען, זיך קענען אננעמען פאר זייער פערפאלגטע ברידער פון ווייטען!—דאס הארץ זאגט מיר בנבואה אז פון דיא אמעריקאנער אידען וועט אמאל אויספראצען דיא ישועה פאר אללע זייערע אונטערדריקטע ברידער פון ווייטענס... אז מיט דער צייט וועלען דיא אמעריקאנער אידען זיין אימשטאנדע, דורך זייער פאליטישען איינפלוס און רייכטהום ערזאבערן זאגאר אונזער אלטע היים צו בעזעטצען דארטען זייערע עלענדע פערטריבענע ברידער!! — — ווען?

ווען זייא יועללען נור בלייבען „אידען!"—

דערפאר איז וויכטיג צו ערציהען אונזערע קינדער, אז זייא זאללען בלייבען אמעריקאנישע אידישע קינדער!—

אנא, פרעגט נור היינט איין אמעריקאנער אידיש קינד: צו ווייסט ער, צו אי"רט איהם, צו פיהלט ער דיא שרעקליכע הריגות פון זיינע אידען אין „ראשיא"? וויא אזויא קען איהם אארען, וואס מען האט ערגיץ—דארטען דער'הרג'ט זיין „גרענד פא", אז ער וויל דא פון זיין אייגענעם „פא" ניט וויסען... לאכט איהם אויס וואס ער קען ניט ריכטיג אויסריידען איין ענגלישווארט און שפעט פון איהם וואס ער איז א „יעד"...

## קאפיטעל ה.

# האלי־דעים מיט ימים טובים.

מיט דער קולטור־בילדונג פון אייערע קינדער אין אמעריקא זאללט איהר, אידען, גאר קיין דאגה ניט האבען! — דאָ איז ניט רוססלאנד, וואו פיעלע אידען האבען אויסגעלעבט זייערע יאהרען און האבען אַ וואָרט רוססיש ניט געקענט, ווייל ער האט מיט רעכט פיינד געהאט דעם טריפה׳נעם „גוי" מיט זיין טריפה פסול, וואס האט איהם אַזויא געהאסט און בעהאנדעלט באַרבאַריש — איידער איהר קוקט אייך דא אַרום קענן שוין אייער אידיש אַמעריקאנער קינד פאָלקאממען דיא לאַנדעס־שפּראַכע און ליעבט זיא פיעל מעהר וויא דאס אידישע — איהר דאַרפט איהם דאָ ניט טרייבען אין חדר! — מיט פריידע ערוואַרטעט דאס קינד דעם פריה־מאָרגען ער זאלל לויפען אין סקוהל! — דאס לאנד גיבט דעם קינד דיא גרעסטע פרייהייט און עפפענט פאר איהם אַללע טויערען פון קענטניסס און קולטור־בילדונג און ביים ענדיגען פון שטודיום פערזאָרגט עס איהם מיט אַ שטיקעל ברויט — איהר זעהט וויא אייערע אידישע קינדער לויפען אַרום אין דיא גאססען מיט דיא אַמעריקאנישע פעהנדליך און טראָמפּייטען בייא דיא עלעקשאנס, און האבען אַ גרויסען אינטערעסס צו וויססען ווער עס וועט ערוועהלט ווערען!...

אַ יאָה — איהר האט עס זייא ניט געלערנט! וויא „אשרי" קעננען זייא אויסווענדיג דיא געשיכטע און קאָנסטיטושאָן און זיינען וואהרע אַמע־ריקאנער פּאַטריאָטען אהן אייער לאַסקע, אָהן אייער לערנען אפילו אָהן אייער וויללען... אָבער

וואו בלייבט זייער אידישקייט??...

וואס קען שאדען דעם אידישען קינד, אז ער קען שוין גוט דיא קאנס־טיטושאָן ער זאָלל וויססען דעם ווערטה אויך פון זיין זיידענס תורה? —

וואס קען שאדען דעם אידישען קינד, אז ער ווייסט שוין גוט דיא געשיכטע פון וואשינגטאן, לינקאָלן און אַנדערע, ער זאלל אויך וויס־סען, אַז זיין יהודה המכבי איז אויך אַ מאָל געוועזן אַ „העלד" און זיין „משה" האט אויך אַ מאל בעפרייט שקלאפען? —

וואס קען שאדען דעם אידישען קינד, אַז אויסער נייע פובליציסטען, פילאָזאָפען, דיכטער, ער זאלל אויך וויססען פון זיינע נביאים, גאונים דיכטער, וואס ווערען נאך ביז יעצט געשעצט בייא אַללע נאציאָנען דער וועלט? —

וויא דאנקבאר וואלט אַייך געוועזן דאס אידישע קינד אין אַמעריקאַ ווען איהר וואלט איהם געמאכט אַ דאפעלטען פלעזשור און צווייפאכע ימים טובים:

צו זייער „הייליגען קריסטמאס" וואס דיא אידישע קינ־דער ערוואַרטען מיט אַזא פרייליכער אונגעדולד דעם געליבטען אַלטעטשקען „סאַנטאַ־קלאָז", שטעללט זייא אויך צו זייער אַלטען מתתיהו כהן גדול...

צו זייער יום טוב „טהענקס־גיווינג־דעי", ווען זייא מוזען עססען אינדיקעס לזכר די אינדיאנער, גיבט זייא עססען אום פסח אויך די אינדיקעס לזכר „יציאת מצרים!... און צו דיא אַללע פייערען וואס זייא צינדען אָן ביי נאכט, ווארפט זייא אונטער פאר פסח א פאָאר פעסלאך מיט חמץ צו פערברענגען... אָדער אום הושענא רבה בייא נאכט אָנצינדען אַ אידיש פייער?!

פערדאפעלט דיא פלאממען,! פערדאפעלט דאס פייער,! אונזער אידי־שע קינדער מוזען האבען מעהר ליכטיגקייט... מעהר פייער!!! — —

## קאפיטעל ו.

# וְאָתָא מַיָא וְכָבָה לְנוּרָא.

און עס איז געקוממען דאס וואססעריל פונ'ם אטלאנטיק און האט פערלאשען דאס פייעריל אידישקייט מיט אללע קאליר-ענדיגע שעהנע פארבען: דעם העכסטען אידעאל גאטט, זיין תורה, זיין פאלק, זיינע טראדיציאן!... מיט אללע זיינע ווארעמע געפיהלע פון ליעבע צו דיא עלטערען, צו זיין פאמיליע, צו דעם נעכסטען... צו זיך אליין!...

אוי! — דיא אלטע בראנישע ספעציעלע מכה פון אונזער אומה, וואס קיין אומה ולשון אין דער וועלט איז ניט אנגעשטעקט פון איהר! —... מעגען אללע אפילו פריוידיינקענדע קולטור פעלקער זיין קאלט צו זייער רעליגיאן, בעזיטצען דיא העכסטע שטופע פון בילדונג און פרייהייט, בלייבט דער דייטש דאך אימער א הייסער פאטריאט פון זיין נאציאן און שפראבע. און וועה וואלט געוועז דעם, וואס זאלל וואגען צו שימפפען אין דער געגענוואַרט פון דעם קאנפעססיאנס-לאזען פראנצויזען זיין נאציאן אדער זיין שפראבע...

און אזויא מיט אללע אנדערע נאציאנען.—

אונזער איד — קוים דערשמעקט ער דיא לופט דער פרייהייט ווערט פון דעם „אידישמאן" א ווילדער „ג ֵ ע ש מ ַ ד" און קוים דערשמעקט ער א ביסעל בילדונג ווערט דער אידישער „פ ַ א ט ְ ר י א ָ ט" — א „ג ַ י ־ ב ְ ע ָ ט"!— ער הייבט באלד אן צו בריקען מיט דיא אונטערשטע פיס... און קעהרט איבער דאס גאנצע וועגעלע פון מענדעלע-מוכר-ספרים מיט זיין גאנצער סחורה: סדורים, מחזורים, מוסר ספרים, הגדות, חנוכה ליכטלאך, שופרות, ציצית און מזוזות און אזויא ווייטער... און ווייטער...

א פראנצויזישער בעריהמטער היסטאריקער „מישעלעט" — וואס האט געשריבען די געשיכטע פון פראנקרייך אין דער פראנצויזישער רעוואלוציאן איז ביי אללע פראנצויזען נאך פיעל מעהר פערהיילינט וויא ביי אידען „משה רבנו"—רעדט אין א שטעללע פונ׳ם אידענס פאמיליען־לעבען און זאגט פאלגענדעס:

„ האס אמת׳ע גרויסקייט פונ׳ם לעבען פון יודאיזמוס וואס דויערט אזויא
„ לאנג און וועט נאך דויערן, בעשטעהט אין דעם, וואס דיא
„ נאציאן היט אפ צווישען אונז דיא ערהאבענע שעהנע מדות
„ פון דער אנטיקען־רעליגיאן... אונד ווייזען א מאדעל פון דער
„ איערארכיע דער פפליכטען!... אנגעפאנגען פונ׳ם פאטער, וואס ער
„ שאפפט און ערנעהרט זיין פאמיליע געהט אזויא אראפ דיא אויטארי־
„ ריטעט ביז אין דער מוטער, וועלכע זארגט פאר דער שטוב—אללעס
„ איז פולל מיט מאראל און פיינער ערציהונג און דאס קינד קוקט זיך
„ צו און געוואוינט זיך מיט דעם —.

„ דער פאטער איז דער כהן גדול אין זיין משפחה, אין זיין היים!
„ און נאך דעם, ווען ער האט אין שוהל אללע געבענטשט קומט
„ ער אהיים! און ארויפלייגענדיג אויף דיא קעפ זיינע הענד, בענשט ער
„ דיא זייניגע! — עס הייסט, ער זעצט פאר צו זיין דער כהן גדול
„ פון זיין פאמיליע"! —

און אין דער וואהרהייט! — פערגלייכט דאס „ערב שבת" בילד און „ערב יום כפור" בילד וויא דער אלטער פאטריארך, דער זיידע, בענשט אללע קינדער און אייניקלאך און זייא אללע, מיט אזא הייליגער אנדאכט האלטען איינגעבויגען דיא קעפ וויא שמעקענדיגע בלוממען אונטער א פריי־שען טוי־רעגען! פערגלייכט דאס רייצענדע בילד מיט דער הוליאנקע פון אידישע קינדער אין דערזעלבער ערב יום כפור נאכט אויף א מאסקעי־באלל!...

ווען האט מען ביי אידען געהערט, אז א אידישע טאכטער זאלל נאר וויססען זיך צו פערגיפטען מיט קארבאל־עסיד?...

ווען האט מען א מאל געהערט, אז דיא ארמסטע אידישע פאמיליע, וואס דאנקען גאטט וואס האט איהר באשערט קוילען אויף ווינטער דער־ווארעמען דיא קינדערלעך און אפקאכען וועטשערע, זאלל גאר נעהמען דיא זעלבע קוילען און זיך פערטשאדען אויף אייביג?!

ווען האט מען געהערט, אז אידישע קינדער זאללען בעפאללען איין ארעמען אידישען פעדלער, אנשלאגען איהם, צושיטטען אויף דער גאסס זיין ארים ביסעל סחורה, אדער, בעפאללען אידען מיט איין הורראה און מיט שטיינער ווען זייא געהן צו תשליך?—

פאגראמען פון אידען אויף אידען?!...

וואס פאר א קנאקערייא פון רעוואלווערס הערט מען יעצט אין רוהיגע אידישע פאמיליען־הייזער! דיא פרייע קינדער גיבען זיך אפ מיט עקזערסייזען פון פייטען און שיססען, און ביז זייא וועללען דאס א מאל דארפען געברויכען אין א מלחמה, פראקטיציערען זייא דערווייל מיט דיא רעוואלווערס צו דערשיססען זייערע פריינדע, געליב־טע... און עלטערן!...

—— וואוהין איז הינגעקוממען אונזער אידישע ערציהונג!!—...

## קאפיטעל ז.

# די ווערעמדיגע עפּעליך פונ'ם אידישען יחוס־בוים.

איך ווייס, אַז מאנכע פון אייך אידישע עלטערען פיהלען שוין דעם ביטטערען רעזולטאט פון דער פערנאכלעססיגטער ערציהונג פון אייערע קינדער—איהר שרייט גיי געוואַלד! — עס איז שוין שפּעט! ... איהר דערקענט ניט דאָס קינד, דאָס קינד דערקענט א י י ך ניט — איהר פּרואווט עס זידלען, עס זידעלט אייך צוריק!... איהר שטעהט אייךביידע ענטגעגען וויא

צווייא געגנער — וויא צווייא שונאים! ...

און וואָס ווייטער ווערט ערגער — ...

ראו, כי רעה נגד פניכם! — ...

איך רייד דאָ ניט צו דיא אָרעמע אידישע פ י י נ ע עלטערן, וואָס זייא זיינען פערנומען גאַנצע טעג און נעכט מיט זייער ביטערער, שווערער פּרנסה, און קוקען מיט האַרצוועהטיג וויא זייערע קינדער ווערען פערדאָרבּען און זיינען נעביך ניט אימשטאַנדע צו העלפען —

זייא קען מען נור ב ע ד ו י ע ר ע ן, אָבער ניט אין גאַנצען בעשולדיגען—.

איך רייד דאָ אויך ניט צו דעם סאָרט פ ע ר ד אָ ר ב ע נ ע עלטערן, דיא חסדרגות, וואָס דאָס גליק האָט זייא פּלוצלינג אָנגעחאַפּט וויא אַ קדחת און שפּעטען, און שעהמען זיך אַליין מיט אַללעם יודישקייט... וויא דער טאַטע ווייסט ניט פון קיין אַנדער בילדונג נור צו לומפּען און געמבלען, און דיא מאַמע קען אַפילו ניט איבערלייענען דיא פירמאַס פון דיא מאָדען־מאַגאַזינעס וואו זיא קויפט טאָג און נאַכט איהרע שמאַטעס... און פון אַללע שפּראַכען קען זיא נור צ ו ו י י ווערטער: ווען זיא קומט צו א צושיקערן זאָגט זיא דער קעכנע; איהר זאָללט וויססען, אַז ביי מיר איז „נאָט כשר!“ —

פון אַזעלכע ווערעמדיגע עפּעל וואָס היינגען אויף דיא צווייגען פון דעם אידישען יחוס בוים איז גאָר קיין ריידע ניט — זייא פאַלען מיט דער צייט במילא אַראָפּ פון דעם בוים אין דער בלאָטע און חזרים קוויקען זיך מיט זייא ...

איך מיין דיא זאפטיגע, שעהנע פאראדים עפיל פון דעם אידישען שטאם־בוים! — איך רייד צו דיא אמעריקאנער קהל עדת ישראל, צו דיא זעלבע קאנגרעגיישאנס, צו דיא פיינע אנשטענדיגע בעלי־בתים, וואס גיבען זיך אפ מיט טובת הכלל! — וויא אויך צו דיא נאבעלע אידישע פרויען, וואס גיבען זיך אפ מיט צדקה, מיט וואהלטהעטיגע אנשטאלטען! — מיט דיא, וואס בויען און פערזארגען שוהלען, שפיטאלען, מושב זקנים׳ם א. ז. וו; וואס אין זייא גליהט אויך דער פונק אידישקייט; זייא זאג איך אן זהיר ווהיר, זייא זאלען זיך מעהר פון אללעמען אינטערעסירען מיט דער ערציהונג פון קינדער פון אונפערמעגליכע עלטערן! — דאס איז מעהר פון רחמנות, מעהר פון טשאריטי, מעהר פון מאמענטאנע הילף! — מיט דער ערציהונג פון דיא אידישע קינדער ראטעוועט איהר אפ פון דער גרעסטער סכנה ניט נור אייער לעבען און כבוד פון דער געגענווארט, נור דאס לעבען און כבוד פון אייער גאנצער אומה אין דער צוקונפט...

נור אזא סארט צדקה קען אייך אפראטעווען פון דעם טויט... איהר וועט ניט שטארבען, ניין! איהר וועט לעבען ווייטער און אייערע אייניקלעך!... אין דיא שפעטרע דורות!... אייער זכר, אייערע מעשים. אייערע בילדער וועלען שפעטער פערצירען די וועגט פון זייערע סאלאנען און וועלען ארויס־שיינען פון דיא גאלדענע ראהמען וויא אונשטערבליכע, פארגעטערטע קדושים!! — .

# קאפיטעל ח.

# דיא העברעאישע שפראכע און אידישקייט — אלס הייליגע מערטירער!

איך וויים, אז מען ועט אונז דאָ אָנווייזען אויף פיעלע חדרים, תלמוד תורות, ישיבות וויא מען בעשטרעבט זיך וויא מעגליך איינצופלאַנצען אין דיא קינדער דיא העברעישע שפראַכע און דאָס אידישקייט — ;

זעהער וואויל! זעהער רעכט! געבענשט זאָללען זיין די אונטערנעהמער און דיא קינדער פון דיא אַנשטאַלטען! נאָר ניט דאָ, אין דיא ערי־מקלט, צווישען דעם ערב־רב איז דאָס ממש א חילול השם! —...

דאָס ביסעל העברעאיש און דאָס אידישקייט זעהט זיך דאָ אין ניו־יאָרק אָן אויף אַ אידיש קינד וויא אַ שטיק אייז־קרים אין אַ הייסער סקאָוועראָדע...

דאָ לערנט מען דעם קינד העברעאיש? — דיא העברעאישע שפראַכע קען מען ניט פערגלייכען צו אַנדערע לעבעדיגע לשונות. וואו מען לערנט אַ שפראַכע נור דער שפראַכע וועגען, דער בעטרעפענדער מוז גאָר ניט זיין קיין פאַטריאָט פון דער נאַציאָן, וואָס מען לערנט איהר שפראַכע — אַז מען וויל קענען העברעאיש מוז מען אויך קענען זיין אַ „איד" און ליעב האָבען דעם „אידען" — אַפילו דיא גרויסע געלעהרטע פון דיא אומות העולם, וועלכע האָבען געלערנט דיא העברעאישע שפראכע לשמה זיינען געוועזען דיא הייסטע יודאָפילען —

ביא דער אידישער אומה איז דיא העברעאישע שפראכע א הייליגע שפראכע!

דורכגעווירצט מיט דער רעליגיאָן!... דער עססענץ פון ערהאַבענעם אידיאַליזמוס, מאָראַל, און מענשענליבע! נעהמט ארויס פון איהר דיא בשמים, בלייבט זיא פאַר — פּיסנע א דברי־חול — א דיאַלעקט! —.

אנמערקונג: —

איך וויס פאראויס, אז איך וועל ארויסרופען בייא מאנכע א שטארקען פראטעסט געגען מיינער בעהויפטונג, ווען איך וועל זאגען, אז איך בין קאטעגאריש דאגעגען צו מאכען פון דער העברעאישער שפראכע א דיאלעקט צו ריידען אין איהר דברי חול — .

איך וויל גלויבען, אז אמאל אין אונזער פאליטישער עקזיסטענץ און געשיכטליכע פעריאדע ביי אונזערע אור־אור־עלטערן איז אויך ניט געווען לשון־קדש א גאנגבארע שפראכע — אפילו אין עזרא׳ס צייטען געפינען מיר: חצי מדבר אשדודית ואינם מבינים לדבר יהודית, אין יעדער בעזאנדערע געגענד האבען די אידען געפיהרט זייער בעזאנדערע לאנדס־שפראכע; ארמיש, כלדעאיש, אראביש א. ז. וו. — אויך יעצט טהוען אידען זייער גוט וואס זייא נעהמען אן פאר זייער געוועהנליכען געברויך דיא שפראכע פון דער לאנד וואו זייא וואוינען — א איד מוז פארלויפיג קענען צוויי שפראכען — זיין געשיכטליכע העברעאיש און דיא לאנדעס־שפראכע וואו ער וואוינט —

נימאלס וועט איין אמעריקאנער איד זיין אימשטאנדע אויסצודריקען זיינע בעדירפניסע אזוי פריי, אזוי מאדערן, אזוי בעקוועם וויא אין דער רייכער ענגלישער שפראכע.— דאס איז נור א מין נארישער קאפריז — א מאניע צו קריכען אין אלטען ארכיוו און ארויסשלעפען פון דארט א „סאנסקריט“! איין אלטע ליטעראטור, וועלכע איז ערהאבען ספעציעל פיר נאציאנאלער געשיכטע, פיר העכסטער פאעזי, און רעליגיעזער הימלישער בעגייסטערונג. און אויסוואלגערען זיא אין מאסקען־בעללע, ארומשלעפען זיא אין ביער־סאלאנען!...

זא לאנג דיא „מערת המכפלה“ שטעהט זיך דארטען רוהיג אויף איהר פלאטץ, ווערט זיא פארדעכענט פאר א טהייערען אנטיק אין מוזעאום פון דער אלטער געשיכטע, און קען נאך אזוי שטעהן פאר א טהייערן אנדיינק טויזענדער יאהרען — טראגט זיא איבער קיין ניו־יארק וועט באלד א ריעל־עסטייטניק מאכען פון איהר א געמבלינג הויז — . . .

לאזט איהר נעביך צורוה דיא שעהנע העברעאישע שפראכע! לאזט זיא צורוה! לערנט נור אין איהר אייער תורה, זאגט אין איהר נור אייער תהלים, לייענט אין איהר נור אייער נאציאנאלע געשיכטע, פובליציסטיק

פילאזאפיע און אויך שיינע־לעגענדען, וועקט אויף אין אייערע הערצער מיט דעם לערנען דיא „נביאים“ אייערע הייליגע גייסטיגע געפיהלע, וועלכע ווערען ביי אייך פאראלאזירט דורך דעם פיסנע, פארטראגענעם, פראקטישען, מאדערנעם לעבען!! — —.

דא—מאכט מען ישיבות!? — וואו דער ישיבה—בחור ער־ז ניט קיין טעג נור דיא טעג עססען איהם... און געפינט באלד ביי׳ם ארויסגעהן א רעסטאראן — כשר מיט פרישע ראקעם אפילו אום פסח!...

קוקט אייך צו וויא פיסנע, וויא ניכטערן, וויא אהן חשק גענעצט דאס אמעריקאנער אידיש קינד ביי׳ם חומש, און שמייכעלט איראניש און לאכט דעם רבי׳ן אין פנים—דיא שפראכע קומט איהם ווירקליך עפּיס אוים טערפקע געגען דער לייכטער פליססענדער ענגלישער! — וואס פאר א געפיהל קען איהם מאכען רעספעקטירען דאס אנדיינקען פון זיינע עהרענווירדיגע פאטריארכען דיא הייליגע אבות ווען ער דארף זאגען: גאטט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב! אז בייא איהם קומט עס גאר אוים: גאד פון איי‌בּרעמס, פון אייזעקס, און פון דזשייקאבס!... עס שטעלט זיך איהם געוויס פאר, אז מ׳האט געפיהרט דעם באי „אייק“ צו דער עקדה אין א מאטראסקי קאסטיום —.

דא? — וואו דער רבי לערנט איהם אין ביבעל דיא בעדייטונג פון דעם רוהע טאג „שבת“ און דאס קינד קומט אהיים און זעהט זיין פאטער, שוועסטער, און ברידער ארבייטען עבודת פרך גלייך וויא אללע אנדערע טעג— —.

דא? — וויא דער רבי ערקלעהרט איהם דיא בעדייטונג פון „פסח“ און קומט אהיים און זעהט גאר קיין פסח ניט—און זיין פאטער, וואס האלט א קלאדהינג סטאר פערפאסט זיך אליין פאר איין אדוועריטייז איין הגדה:

— קדיש — מאכט קידוש און קומט באלד צו מיר אין סטאר אריין—

ורחץ — איהר מוזט אייך פריהער וואשען דיא הענד איידער איהר טאפּט אן אונזער טהייערען שטאף.

כרפס — נור א גרינער וויא פעטרישקע קען ניט אפּשעטצען דעם ווערטה פון אונזער פירמא.

כן עשה הלל — אזוי האט הלל געטאהן: פריהער האט ער אנגע־מאסטען דעם סוט און דערנאך דעם אווער־קאאט —.

כי לו נאה — וויא מייסטערהאפט עס פיט יעדען צום פנים! —

ויהי בחצי הלילה — און דאס אלסדינג געפינט איהר ביא אונז מיט האלבע פרייזען! —.

אנמערקונג —

איך האב אליין געטראפפען אין א אידיש הויז ביי דיא קינדער צווישען זייערע שוהל־ביכער מיט אנעקדאטען — צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער אידישער „חד גדיא" אין ענגלישען, נור מיט דעם אונטערשיעד, וואס אנשטאט „חד גדיא" איז געשטאנען א „פיג" א קליין חזיר'ל — און עס איז געקומען דיא קאטץ און עס האט אויפגעגעסען דעם „פיג" און אזויא ווייטער, און אזוי ווייטער.! —

דא? — אין דער גרויסער ביזנעס שטאט וואו דיא העברעאישע שפראכע איז געווארען א וויכטיג ביזנעס ארטיקעל, וואס מען בעדינט זיך מיט איהר צו אללע אדווערטייזמענטס: אפילו דיא קריסטען בעדינען זיך מיט אונזער העברעאישע לעטערן און שפראכע, און א גוי'אישער בוטשער שרייבט אן אויף זיין פענסטער, „בשר כשר" — חאטש אונטען ליגט א קאפ פון א חזיר, און בייא מייסטענס אידען לעזט איהר אויף א שילד „דא קאשערט מען פיסעכדיגע קיילים!!"

נישט נור דיא העברעאישע שפראכע, אפילו דיא בוכשטאבען האבען געהאט בייא דיא אידען א וויכטיגע רעליגיעזע הייליגע בעדייטונג —.

א סופר, וואס קאפירט דיא „תורה" האט ניט געטאהרט ביין שרייבען מפסיק זיין צו ריידען עפּיס אנדערס, און האט זיך גע'טובל'ט אין מקוה בייא געוויסע הייליגע בוכשטאבען —.

איין „אות", אז ס'איז אפגעשפרונגען פלעגט זיין בייא דיא פאנאטיקער א שרעק — א גוואלד! — דיא בעלי הקבלה, דיא מיסטיק, פלעגען איבערקעהרען וועלטען מיט דיא העברעאישע בוכשטאבען — עס איז געווען א בע־זאנדערע טיעפע געהיימע לעהרע מיט דיא נטריקן און גמטריאות... מיט א „ה" אָדער א „י" ווער שמועסט מיטען „שם המפורש" פלעגען וויא

בעווייזען איבערנאטירליכע וואונדער . . .

יעצט מעגט איהר אייך אנטאהן א תענוג און לעזען אין אללע אידישע צייטונ־גען איין אדווערטייז וואס איינער האט ערפונדען א מעדיצין צום „הוסטען"— און קוקט אייך צו צו די גרויסע בוכשטאבען פון דעםווארט „הוסטען" וועט איהר זעהען וויא פון יעדען „אות" רינען סטראמפעס. גלייך וויא דיא בוכשטאבען האבען אויך בעקומען דעם קאטאר—..

דיא קריסטליכע טהעאטערע מאכען אפישען אין א י ד י ש ע ן וואו עס שטעהט געשריבען—„היינט שפילט מען דעם ש ע פ פ ע ר ק ע נ י ג" (דוד הרועה)—

און אויף איין אפישע פון א אידישער מוזיק־האלל שטעהט אנאנסירט—„עס וועט געשטעלט ווערען א זעהער שעהנער סקעטש לכבוד פסח"—„וואסילי טשוּמאק!"—

אין די קריסטליכע לאקאלע ווערט געשפיעלט דיא אידישע מעלאדיע; „חתן כלה מזל טוב!" און אז אידען מאכען א חנוכת הבית פון א שוהל מיט ספר תורות שפיעלט דיא מוזיק באנדע „בידילי" אדער „וויטינג עט די טשוירטש!—.

נאך דער בר מצוה, וואס א קינד האט געהאט אין שוהל מאכען דיא עלטערן א באנקעט וואו מען פערבייסט מיט סענדוויטש פון ש י נ ק ע ן, א ו י ס ט ע ר ס, און א סוף פון ראקעס א. ז. וו.

אין א אידיש מוכר־ספרים געשעפט קויפט א פרוי תפילין מיט א טלית'ל איהר שכנ'ים באי פאר א ק ר י ס ט מ ע ס פרעזענט . . .

אין א אידישער מוזיק האלל—שטעללט מען א סקעטש — „אברהם, יצחק, יעקב, עשו"—וואו יצחק איז איין אפרייטער—יעקב—א שוסטער און אברהם א שבת גוי —„שרה, רבקה, רחל, לאה" פיר ו ו ע ש נ י ם!! . . .

דאס זיינען פאקטען!!!

צו האט נאך אמאל א רוסס, א דייטש, א פראנצויז, אויף זייערע פעקלעך סיגארעטען אדער אנדערע ארטיקלען געשטעלט דיא פירמא און די נ ע מ ע ן פון א אידישען געלעהרטען, וויא ד"ר הערצל, מאקס נארדוי אדער אנדערע, וויא דיא אידען בעדינען זיך שטענדיג מיט זאלא, טאלסטאי, און דער־גלייכען? . . .

מיר דוכט זיך: אז עס וועט נאך קומען א צייט ווען מען וועט געפינען אדווערטייזט דא בייא אידען: „זאלא׳ס אתרוגים, טאלסטאי׳ס כשרה מצות!“, „מקוה כשרה בהכשר הרב מאקסים גארקי“ און פורים׳דיגע המן־טאשען א־לא־שרה בערנארד!“

בייא אללע עלעקשאנס ווערען צושיקט פלוג שריפטען אין אידישען — און צו חתונות און ברית מילות שיקען אידען איינלאדונגען אין ענגלישען —.

פרעגט ביי א אידישען באי וואס הייסט „ציון“ וואו ליגט דאס ערגעץ? וועט ער אייך באלד אנווייזען א סטריט וואו עס געפינט זיך דיא „ציון וואורסט־פאבריק“, וועלכע אדווערטייזט אין אללע אידישע צייטונגען מיט גרויסע בוכשטאבען אז דאס איז דער איינציגער שטאלץ פונ׳ם יודענטהום אין אמעריקא! ——.

חוזק, באמנות, חוזק מאכט מען פון דעם אידישען, פון דעם העברע־אישען, פון דער תורה, פון גאטט, פון אללעם הייליגען — ...

און דא איז דאס ארט פון חדרים, תלמוד תורות און ישיבות! וואו אין אללע ווינקעלעך פון אללע גאססען לויערען אויף אייערע קינדער מיססיאנערען, קארעטען, באנדעס גנבים, פערדארבענע סעקטען וואס קידנעפפען אייערע קינדער!!...

## קאפּיטעל ט.

# אידען, ראטעוועט!

ראטעוועט אפּ אייערע קינדער כל זמן ס'איז נאך צייט! נעהמט זייא אוועק פון די רוישענדע גרויסע שטעדט זא לאנג זיי זיינען נאך יונג און ניט פערדארבּען... פיהרט זייא אוועק און בּויעט פון זייערטוועגען דיא זעלבּע אנשטאלטען צום לערנען און ערציהען אין די איינזאמע אינזלען, פעלדער און וועלדער, בּערג און טהאלען, אין דיא רייצענדע קאנטרים פון דער ריינער לופט און ערקוויקענדער נאטור! (וויא איך האבּ געוויזען אין דער ערשטער אבּטהיילונג) דארטען אין דיא אידישע אנשטאלטען זאללען דיא אידישע קינדער געניסען דיא זעלבּע קולטור בּילדונג און געלעהרזאמקייט וויא אין דיא סקוהלס פון דיא גרויסע שטעדט, אבּער אויך דיא אידישע מאראלישע ערציהונג, וואס מען קען בּשום אופן אויספיהרען אין דיא גרויסע שטעדט——.

קומט אהער פּעדאגאגען! און קוקט אייך צו מיט אפענע אויגען צוא דעם שלעכטען רעזולטאט פון אונזער אידישער ערציהונג, וואס האבּען מיט זיך געבּראכט דיא צווייא הויפּט פעהלער פון דיא ליטווישע ישיבות און דיא פרייע קולטור בּילדונג פון אמעריקא: דער הויפּט פעהלער פון דיא ישיבות איז געווען, וואס זייא האבּען שטרענג פערבּאטען דארטען אין זייער פערשלאססענע טויערען אריינצולאזען פרעמדע קולטור בּילדונג... דער רעזולטאט איז געווען, אז יעדער איינגעקערקערטער ישיבה בּחור ווען ער פלעגט זיך נור ארויס חאפּען פון דער ישיבה און האט דערשמעקט די פרישע לופט פון א פרעמדע ליטעראטור האט זיך אזוי אין איהר פערליבּט און איז צוגעזאטען געווארען צו דער „עבודה זרה", אז ער איז פערציטערט געווארען, ווען ער האט זיך דערמאנט אן דיא קערקער ווענד פון דער ישיבה וואס האט איהם פער'חשך'ט דיא בּעסטע יונגע יאהרען, און האט פערראכטעט אללעס, יא, זאגאר געהאסט דאס אללע פריהערדיגע וואס בּייא איהם איז געווען אמאל הייליג... דער ראשער איבּערגאנג האט

איהם געשאַדעט צו זיין נשמה, פונקט וויא איינעם וואָלט געשאַדעט צו דער ראיה ווען ער זאָלל זיין געבארען אין א קעלער און זאלל פלוצלינג ארויס און דערזעהן דאָס שאַרפע זאננען־ליכט...

אין דעם פאלל האָבען מיר דערפאר אָנגעווארען אין דעם געבילדעטען—דעם אידען!...

— — — — — — — — — — — — — —

איין אנדער פאלל: —

דיא אמעריקאנער פרייע שוהלען זיינען ניט וויא דיא פאריזער, וועלכע הייסען „לאַיק" — דאס הייסט אזוינע קינדער סקוהלס, וואָס עס טאָהר ניט אריינקומען קיין גלח און קיין ראַבינער, וואָס פון גלויבען איז גאָר קיין רעדע ניט — אין די אמעריקאנער סקוהלס לעהרנט דאָס אידישע קינד די ענגלישע שפראכע מיט דער קאַטהאָלישע רעליגיאָן צוזאמען—דאָס אידישע קינד מוז וויססען דיא געשיכטע פון יעזוסען, מען ווייזט איהם אינטערעסאַנטע הייליגע ביל־דער פון דער געשיכטע דאס קריסטענטהום׳ס און מוז זינגען א גאנצען קאפיטעל שבחים צו דער דרייא־איינינקייט...

אויך אין דעם פאלל האָבען מיר פערלארען אין אונזער געבילדעט קינד — דעם אידען!...

— — — — — — — — — — — — — —

מיר ווינשען, אז דיא אידישע ערציהונג און לומדות זאל פון אנפאנג אן געהן ביי׳ם קינד האנד אין האנד מיט דער קולטור בילדונג פון פרעמדע שפראכען!... ער זאלל אויסוואקסען א געבילדעטער„ איד"—

אללע אונפערמעגליכע קינדער אין די חדרים, תלמוד תורות און ישיבות זאָללען זיין דארט אויף פאלשטענדיגער בעקעסטיגונג (וויא אמאָל פלעגען אין דיא ראבינער־שוהלען זיין דיא „קאזיאנע קאָשטניקעס")—זייא זאללען זיין פערזאָרגט פון דיא שטעדטישע קהלות אויך מיט קליידונג און קאסט! און אזוי וויא דיא מלמדים וועללען זיך דארט אָבגעבען ספעציעל מיט העב־רעאיש לערנען און דיא מיטשערם מיט ענגליש לערנען—זאָללען זיך דיא רביי׳ם (ערציהער) אָפגעבען ספעציעל מיט דער אידישער ערציהונג! יעדער רבי וועט אויך זיטצען מיט זיין אָבטהיילונג קינדער ביי׳ם טיש און פראַווען מיט זייא אַללע שבתים און יום טובים נאָך דיא אידישע רעליגיעזע מנהגים! דאַווגען מיט זייא אין איין שוהל... דאָס וועט דעם קינד גאָר ניט שאַדען צו דער בילדונג, צו דיא מלאכות, צו דער וויסענשאַפט, וואָס מען וועט איהם לערנען אין דיא סקוהלס!... און צום שלוסס פונ׳ם שטודיום— וועללען זייא צוריק קוממען אין דיא גרויסע שטעדט, צוריק אמת׳ע מאראַלישע אידען, און וואַהרע אינטעליגענטע אַמעריקאַנער בירגער! — — — —

## קאפיטעל י.

# סוף דבר —

בעפאר איך שליעס מיינע אבהאנדלונג פון דער וויכטיגער טהעמא, מוז איך בעטען מיינע געעהרטע לעזער זייא זאללען קיין טעות האבען און ניט מיינען, אז איך שרייב דא א געוועהנליכען צייטונג ארטיקעל, אדער איינע איינפאכע קריטיק, וואס רופט אמאל ארוים פערזענליכע אינטריגען און דיספוטען —

דאס וויכטיגע טהעמא פון דער סאציאלער אידישער לעבענספראגע מוז בעהאנדעלט ווערען וועגען דער וויכטיגקייט פון דער טהעמא אליין!... יעדער וואהרער אינטעליגענטער איד, וואס אינטערעסירט זיך אין דעם באמת, מוז ארויסזאגען אונפארטייאיש זיין מיינונג און געבען צושטייער זיין גוטע עצה — צונויפנעהמענדיג דיא סוממע פון אללע פערשידענע מיינונגען ועט מען ערשט דאן קענען מאכען דעם סך הכל און זאגען דאס לעצטע ווארט! —.

מיינע וועניגקייט מוז אויפמערקזאם מאכען אללע נור אויף דיא פאלגענדע צוויא וויכטיגע פונקטען:

### 1) פונקט.

איך וויל מיינען, אז זאלאנג דער שטראם דער עמיגראציאן האלט נאך אין איין לויפען און פליססען, האט מען דערוויל פאר דעם אידישקייט פון אמעריקאנער אידען וועניג וואס מורא צו האבען! דען, אזוי וויא דער שטראם אין זיין האסטיגען לויפען, פארשלעפענדיג מיט זיך פיעלע שעדליכע עלעמענטע פון דער אויסען-געזעלשאפט, ברייננט ער דערוויל מיט זיך א געוויססע צאהל טהייערע גוטע קערנער אויך!... אפילו דיא עלטערע קלאסע פון אונזערע אידען, וועלכע זיינען דא שוין געבארען, געדיינקען נאך וועניגסטענס, אז זייערע עלטערן זיינען אמאל אויך געקוממען פון אייראפא און מוזען נאך סימפאטהיזירען מיט דיא נאך פון זייערע עלטערן אמאל ג׳ירש׳עטע, טראדיציאנען, שפראכע, מנהגים, א. ז. וו.

אלזא — זא לאנג דער שטראם האלט נאך אין איין פליססען דערלאזט ער ניט אז דאס אידישקייט זאלל שנעל פערגליווערט ווערען ... דען דיא אידישע אנשטאלטען זיינען נאך אלץ אנגעפילט מיט פרישע צוגעקוממענע עמיגראנטען!... דיא אידישע צייטונגען וואס עקזיסטירען יעצט אין פוללען גלאנץ איז נור פון דיא פרישע זשארגאן — עמיגראנטען ! ... דיא אידישע טהעאטערע פערדאנקען זייער גלאנץ — פעריאד נור דעם פרישען זשארגאן— פעבעל! ... אפילו מאנכע פיינע גוט ערצויגענע קינדער, וואס מיר זעהען יעצט, זיינען נאך אלץ אימפארטירט געווארען פון זייערע נאבעלע עלטערן — זאגאר דאס ווארעמע אידישע הארץ, דיא גרויסע טהיילנאמע אין דעם שיקזאל פון זייערע אייראפעאישע ברידער, איז אלץ מעהר פון דיא פרישע עמיגראנטען וועלכע קוממען נאך מיט פרישע מכות וואס יאמערען זיך נאך און קענען זיך אזוי גיך ניט פערהיילען! ... פון מענשען וואס מען האט זייא ארויסגעטריבען, אדער זייא האבען געמוזט ענטלויפען פון זייער היים פאר צרות — ... אפילו דעם רחמנות, דיא צדקה, דאס פרומקייט, מיט איינעם ווארטע: דאס גאנצע אידישקייט, ווערט אללע טאג מיט דיא דאמפפערס אימפארטירט פון אייראפא... און אין דעם זעלבען גראד און צאהל וואס דאס אידישקייט פערלירט זיך אין דעם זעלבען גראד און צאהל קוממט עס אללע טאג צו...

ניט אייביג וועט אבער זיין אזוי ! — א קלייגער שטראהל דער פרייהייט אין דיא אייראפעאישע דעספאטישע לענדער וועט איינטריקענען דעם שטראם פון דער עמיגראציאן !... זיא וועט יעדעס מאל פערקלענערט ווערען, אדער גאר אויפהערען!... און דאן—וועט דער גראדוס פון אידישקייט אנהייבען צו פאללען ביז ענדע פריר פונקט : ... דיא ישיבות וועללען פערוואנדעלט ווערען אין ענגלישע גימנאסטיק קלובס! ... דיא אידישע צייטונגען וועללען מוזען צו געבען מעהר ענגלישע פיירזשעס... דיא אידישע טהעאטערע וועללען געברויכען מעהר ענגליש אין ריידען וויא אין דער מוזיק... דיא פיק־ניקס וועללען האבען פיעל מעהר אידישע בעזוכער וויא די שוהלען ראש השנה און יום כפור... דיא אידען אליין וועלען זיך שעהמען מיט דיא העברעאישע בוכשטאבען אויף זייערע שילדען וויא זייא שעהמען

זיך שוין יעצט מיט זייערע אידישע נעמען.

דער נייער דור וועט פון גאר שוין ניט וויסען!...

אט פאר דעם נייעם דור איז נאך יעצט צו זארגען אויב מען וויל, אז דער איד אין אמעריקא זאלל בלייבען א „איד!" — דאס יודענטהום זאלל דא געדייהען און לעבען זיין עוויגעס לעבען... און צו דעם צוועק איז נור דא איין מיטעל:

דער צווייטער פונקט: „אידישע ערציהונג!"

און דיא אידישע ערציהונג, דיא מאראלישע צוכט וועט אנדערס ניט קענגען געדייהען און פערפאלקאמט ווערען, נור אין די רוהיגע שטיללע איינזאמע קאנטרים, ווייט פון דער אטמאספערע פון גרויסשטעדטישען וויר—וואר—לעבען, וואס איז שעדליך פיר יונגע צארטע פלאנצונגען...

זעהען מיר דען ניט פיעלע ביישפיעלע, אז אפילו ביזנעס לייטע פאהרען אוועק אללע אבענדס אין זייערע הייזער אין דער קאנטרי ארויסשלאגען זיך איבער איין נאכט חאטש דעם ביזנעס רויש פון קאפ און צו געניס־סען דיא גייסטיגע רוהע אין שוים פון זייער ליעבע פאמיליע?!...

איין זאך. וואס איך קען ערווארטען, מען זאלל מיר ענטפערען, אז איך בין אמלמד ניט קיין ביזנעס־מאן! און א טהעאריע אנווענדען אין דער פראקטיק איז פערבונדען מיט פיעלע הינדערניססע, געוויסע אומשטענ־דען, איבערהויפט — מיט גרויסע קאסטען, וואס אהן דעם איז יעדע אונטערנעהמונג אנאויספיהרבאר! —

זעהר רעכט! —

מיר וויסען אבער, אז עס עקזיסטירען דרייא הויפט קרעפטע, וועלכע האבען דיא ווירקונג ווי אם שנעלסטען און לייכטעסטען צו פערווענדען דיא קלענסטע טהעאריען אין דער גרעסטער פראקטישער אקציאן, און דיא זיינען

ענערגיע, וויללען און קאפיטאל!

דאס זיינען דריי הויפט מאָטאָרען, מיט וועלכער מאכט ברייננגען זייא אין בעוועגונג דיא שווערסטע מעכאנישע רעדער און שטעלען אויף אונ־גלויבליכע ריעזען־ווערקע!...

דער אימפולס, וואס גיבט זייא דעם ערסטען שטויס זיך צו בעווע־

נען, איז דווקא א קליינער אבער פיעלבעדייטענדער פונק–עלעקטריציטעט!...

מיט דיא מענשען פון אונזער ראססע, וואס בעזיטצען ניט דעם "פונק" איז ניטא גאר וואס צו ריידען — —.

דיא גאנצע ריידע בעציהט זיך נור צו דיא יעניגע פון אונזערע גלויבענס ברידער, אין וועלכע עס גליהט נאך אין זייער הארץ דער ליכטיגער, שטארקער הייסער פונק – אידישקייט! און זעהען צו מיט הארצוועהטהיג וויא דאס יודענטהום ווערט אפגעשוואכט מיט יעדען נייעם דור... און האבען שוין גענוג צייט, ענערגיע און קאפיטאלען פערוועגדעט ביז אהער וועגען דיא רעטונגס-אנשטאלטען און זעהן נאך ניט דעם געווינשטען ערפאלג —

מעגען זייא יעצט נאך איין פראבע מאכען (לויט דעם פלאן, וואס האב מיר ערלויבט צו ענטווארפען) איז ענטוועדער איבערטראגען דיזעלבע חדרים, תלמוד תורות, ישיבות, אדער אנפאנגען דערוויייל פון א קליינעם פארמאט מיט א קליינער צאהל צעגלינגע אויף א פרייען שטילען לופטיגען פלאץ ווייט פון שטעדטישען גערודער (זעלבסט פערשטענדליך, אונטער א גוט גערעגעלטע, עהרליכע, טהעטיגע אדמיניסטראציאן) צו גרינדען א ספעציעלע אידישע ערציהונגס-אנשטאלט פאר אידישע קינדער, וואו דאס "אידישע" זאל זיין דער עיקר און עס זאל אויך געהען האנד אין האנד מיט פרעמדער קולטור-בילדונג! אבער ניט סתם: "ערציהונגס אנשטאלט" וואו מען זעהט שוין אז דאסווארט "אידיש" איז שוין פערקירצט ווייל מען שעהמט זיך מיט דעם... און ציהט אליין אויף זיך דעם פערדאכט יעדען צו מיינען, אז אזא אנשטאלט איז נור א "כאפ-שטייגעל" צו פאר'גוי'אישען אידישע קינדער — —.

---

(ערשיענען צום ערשטען מאל אין "אידישען טאגעבלאט" דען 28 נאוו. 1904)

# ביילאגע.

# דיא רייזע

— ארום דער —

# „אידישער נשמה“

---

## פון אברהם גאלדפאדען.

דיא יודען זינד דאס פאלק דעס גייסטעס, אונד יעדעסמאל, ווען זיא צו איהרעם פרינציפע צוריקקעהרען, זינד זיא גראסס אונד הערליך.

היינריך היינע.

יעדער, וואס איז בעקאנט אין דער געשיכטע דער עטנאלאגיע (פעלקערקונדע) ווייסט, אז א פאלק, אדער א לאנד מאכט דורך אלע פערשיעדענע פאזען פון זיינער עקזיסטענץ גראדע וויא א געוועהנליך לעבענפעהיגעם אינדיווידיאום —; גראדע וויא דאס, האט אויך אפאלק, אדער א לאנד זיינע געבורט, קינדהייט, יוגענד, מאננעסקראפט, אלטערשוועכע און זיינע אויפלעזונג אדער טראנספארמאציאן, ווייל דער סאציאלער קערפער איז אויך צוזאמענגעשטעללט פון דיא 2 הויפט־עלעמענטע: מאטריעל־פיזישעס און גייסטיג־ספירימועלעס —...

דער גרויסער סאציאלער ארגאניזם איז צוזאממענגעשטעלט אויך פון פערשיעדענע גרויסע און קליינע מעכאנישע אינסטרומענטליך וועלכע, געשלאססען קינסטליך איינס אין דעם אנדערן, העלפען מיט קאלעקטיו צו דער אללגעמיינער בעוועגונג פון דער גרויסער קערפער־מאשינע! —

גראדע וויא דער מענשליכער קערפער האט אויך דער פאלקס־קערפער זיין קאפ, אין וועלכען עס ליגען דער מח, דיא געהירען, דיא וויגען, דאס הייסט דער אינטעלעקטועלע הויכער טהייל דער געזעלשאפט, וואס זיינע פונקציאן איז, צו רעזאנירען, צו איבערלייגען מיט זיין שארפען און פראקטישען פערשטאנד און צו לייטען דעם קערפער נאך פערשיעדענע ריכטונגען —; דיא הענד, דיא פיס, דאס איז דיא ארבייטער קראפט, דער

באזים! דאס פונדאמענט, אויף וועלכען דער קערפער האלט זיך ער זאלל ניט אומפאללען; דיא פאמיליע, דאס בירגערטהום, דיא אינדוסטריעלע מיט-גליעדער, דאס זיינען דיא אדערן, דיא וועגען, אין וועלכע עס צירקולירט דאס בלוט, דער סובסטאנץ דער טהעטיגקייט! אלעס איבערגעצויגען מיט איין אללגעמיינער הויט, וואס בילדעט דעם נאמען „נאציאן!" —: דיא קלימאטישע בעדינגונגען, דער קולט, דיא זיטטען, דיא שפראכע, דיא טראדיציאן בילדען דעם זאגענאנטען „גייסט" פון דעם ריעזען-קערפער, מיט וועלכען ער אטהעמט, ער לעבט! — און ווען דער מאטריעלער קערפער ווערט אויפגעלעזט, פערשווינדעט אויך דער גייסט... אדער, לויט דער נאטור-געזעץ דאס וועקסעל'ס און ענטוויקלונג, ווערט ער טראנספאמירט אין איין אנדער ארגאניש אדער אונארגאנישעס וועזען! —

דיא געשיכטע האט אונז ערלערענט וויא מאנכע גאנץ אלטע פעלקער זיינען שוין לאנג אפגעשטארבען — מיר האבען שוין אויך מאנכע פאקטע ערלעבט און געזעהען וויא דער אריענט הייבט אן אפצושטארבען און דער אקסידענט בליהט אין פאללען לעבען — מאנכע פעלקער וויא צ. ב. איספאניען, גריכענלאנד אויך עגיפטען, האלטען ביא זייער אלטערשוועכע... און דאך זיינען זייא אמאל געוועזען הויך, פריש און שטארק... און אין דער צייט פון זייער בליהטע האט זיך זיי גאר ניט געקענט חלומ'ען, אז ערגעץ אין אקסידענט וועללען אויפשטעהען פרישע און שטארק'ערע לענדער פון זיי...

דייטש־לאנד צ. ב. האלט יעצט ביא זיינער פרישער יוגענד פון א געזונדען מענשען פון איינינע און דרייסיג יאהר — רוסלאנד, האלט יעצט אין דער וואהרע מאננעסקראפט פון א קארפאלענטען מאן אין דיא פירציגער א. ז. וו. פון דער פערגאנגענהייט און געגענווארט קענען מיר שליסען דיא צוקונפט און מיר קענען בעהויפטען, אז שפעטער גאנץ שפעט מיט טויזענדער יאהרען וועלען דיא אויך האבען אפגעלעבט און ווער ווייסט, וואס פאר א נייא קליין פעלקעלע וואס מען מאכט זיך יעצט נישט דערפון, זאל אמאל אויפטויכען צו פערטרעטען זייערע מעכטיגע שטעללען!

וויא זשע קומט עס, וואס אויך איינע פון דיא גאנץ אלטע נאציינען זאל גאר מאכען איינע אויסנאהמע פון דער אלגעמיינער וועלט־רעגעל!

און זאל וואגען צו טראצען די אונערשיטטערליכע געזעצע דער נאטור און־לעבט נאך ? ! —

וויא זשע קומט עס, וואס דיא נאציאן (מן הסתם שטויסט איהר אייך אן, אז איך מיין דאס „יודענטהום״), דיא אלטע נאציאן איז נאך אזוי פריש און געזונד און זיא שיינט גאר קיין מאל ניט אלט און אפגעלעבט צו ווערען אזוי, אז זיא איז שוין געווארען צום געגענשטאנד דער בעוואונדערונג אין דיא אויגען פון אלע פעלקער דער וועלט, וואס קוקען שוין אויף איהר מיט נייד ... און עס הייבט זייא שוין אן טאקי צו פערדריסען אויף דעם פענאמען, וואס — לעבט נאך ? ! . . .

דורך וועלכע איבערנאטירליכע וואונדער, אדער וועלכע זאנדערבארע מיסטעריעזע אומשטענדען האבען פעראורזאכט, וואס דאס שוואכע קליינע קארלעקיל דרעהט זיך נאך ארום אויף דער וועלט וויא איין אלטע לעגענדע און טאנצט נאך אזוי פריש און מונטער ארום צווישען דיא גרויסע מעכטיגע „ריעזען״ ... און דיא ריעזען שעהמען זיך ניט צו שרייען, אז זייא האבען גאר עפעס מורא פאר דעם שרעטעלע ... און האבען שוין אללע מיתות משונות אויסגעקלעהרט, אללע צויבערשפריכע איהם צו פערטרייבען און — און ער לעבט נאך ? ! . . .

פיעלע וויללען בעהויפטען, אז דאס איז גאר ניט אזא אויסנאהמע — דאס „פעלקעלע״ האט אויך געהאט וויא אנדערע, זיינע געבורט אין כנען, זיין קינדהייט אין מצרים, זיינע יוגענד אין דער מדבר, זיינע מאננעסקראפט אין פאלעסטינא און זיין אפשטארבען נאך דעם ערשטען חורבן ! — נאך מעהר וואונדער : ער איז זאגאר צוויי־מאהל געשטארבען ! ... דאס ערסטע מאל האט איהם דער חברה שמש נבוכדנצר אוועקגעטראגען אין א מטה קיין בבל, און דאס צווייטע מאל האט איהם דער קברות גוי טיטוס צו געקלאפט מיט דער לאפעטע און — ער לעבט נאך ! ...

און ווי קען גאר א לעבעדיג נפש צוויי מאל לעבען און צוויי מאל שטארבען ?...

ניין ! ער איז גאר איין מאל ניט געשטארבען — און דאס צווייטע מאל אפשטארבען איז גאר בייא איהם איינע לאנגע לעטארגיע, ער איז נאר געלעגען אין היהנער פלעט... ער האט זיך אביסעל אויסגעזודעבעט. אויסגע־

שטעבעט און —- לעבט נאָך ?! . . .

און לעבט נאָך ! און האָט געלעבט ! און וועט ווייטער לעבען וויא דיא עווינקייט אליין !! . . .

פאַר וואָס נשמה׳לע ?? . . .

אָט פאַר וואָס נחמה׳לע !! ... וויל ,

וויל בייא אַלע אַנדערע נאַציאָנען דער וועלט איז פריהער אויסגע־וואַקסען „דער קערפער" און דערנאָך איז אריין „דיא נשמה ... און , אַז זייער קערפער איז פערניכטעט געוואָרען האָבען זייא אויסגעהויכט זייער „נשמה", . . . ווערענד ביים „יודענטהום" איז פריהער בעשאַפפען געוואָ־רען „דיא נשמה" און דערנאָך ערשט האָט זיא זיך איינגעהילט אין אַ „קערפער" ... און אַז מען האָט פערניכטעט זיין קערפער איז איהם שטענדיג געבליבען זיין "נשמה" — נו ? און אַ נשמה צו טויטען האָט מען דאָך נאָך דערוויל קיינע צערשטערונגס־מאַשינע ערפונדען ... וויל מען האָט נאָך ניט ערפונדען אַ מאַשין אַ נשמה צו מאַכען ! — — —

מיר וועלען זיך עס בעשטרעבען דייטליכער צו ערקלעהרען

אַללע פעלקער אין זייערע נאָרמאַלע וואַנדערונג אין דער וועלט האָבען פריהער געזוכט צו בעקומען אַ שטיק „מאַטעריע" , ס׳הייסט זייא האָבען פריהער געזוכט צו עראָבערען אַ פעסטען באָדען אַ „טעריטאָריום" — און, אַז דאָס איז זייא געלונגען, האָבען זייא דאַן געזוכט אריינצובלאָזען שפּעטער אין דעם סקעלעט, אין דעם גוף—אַ „נשמה", איין נאַציאָנאַלען גייסט ! כדי ער זאָל קענען געדייהען אַלס לעבענדער קערפער ; דיא שריפטשטעלער האָבען געשאַפען און אויסגעבילדעט דיא שפּראַכע, דיא גייסטליכע - דעם קולט, דיא קינסטלער — דיא קונסט, דיא געבילדעטע — דיא קולטור, דיא קויפלייטע — דיא אינדוסטריע, דיא שטאַאַטסמענער — דיא סאָציאַלע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געזעצע אָרדנונג און זיטען, ביז דיא גאַנצע נאַציאָן האָט בעקומען איהר „ספּעציעלען גייסט", וואָס האָט כאַראַקטיריזירט איהרע בעשאַפענהייט אַלס נאַציאָן ! —

יעדע נאַציאָן האָט איהר „גייסט" געסטעמפּעלט מיט זיין ספּעציעלען זיעגעל אָדער מאַרקע ( אָט אפנים כדי מען זאָל זיא חלילה ניט פערוועקסלען

מיט איין אַנדערן ;) דערפאַר הערט מען אָפט פון יעדער נאציאן אויסשרייען מיט שטאָלץ אין דערהויך דיא ווערטער ; „ד י י ט ש ע ר   ג י י ס ט — „ליאַם דע־לאַ־פראַנס !“ „רוססקי דוך !“ א. ז. וו. און ווען איין אַנדער נאַציאָן זאָל בעזיגען זייער באדען, אדער מען זאל זייא אפרייסען פון זייער באדען און זייא ברייננגען אין איין אנדער זייא פרעמדער אטמאספערע, וואלטען זייא ניט געקענט גדייהען ; ווייל זייא וואָלטען געמוזט ענדערען זייער בעשאַפענהייט אין אַ פ ר ע מ ד ע ר לופט, וואָס בעהאגט ניט זייער נאַטור ... און אין איין א נ ד ע ר לופט וואלטען זיי אָנהויבען מיט דערצייט צו וועלקען, צושמאָלצען ווערען ... ביז זייא וואָלטען פערניכטעט געווארען . . .

דאס יודענטהום איז אַ נ ד ע ר ס געשאַפען געווארען : צו ע ר ש ט   זיין גייסט — זיין „נשמה“. — (און אַזוי וויא אַללע צוויליזירטע מאדערנע פעלקער האבען געמאַכט אַ מאָדע צו לייגען זייערען אַ פלאמב מיט אַ סטעמפעל אויף זייערע „נשמות“ — וועלען מיר אויך לייגען אויף איהר אונזערן כשר׳ן חותם און זיא רופען „דיא א י ד י ש ע נשמה !“ — —

*
*   *

— — — אין דער ווילדער איינזאַמער וויסטענייא דארט, וואו דיא פערשוויצטע, וואַנדערן פון דעם היממעל מיט איהרע פערטריקענדע פון דארשט ברענענדיגע ליפּפען זויגט אויס יעדען פייכטען טראפּען פון דער מוטטער ברוסט — דיא ערדע ביז זיא ווערט צופאלען אין זאַמד און פערהארטעוועטע שטיינער. . . דאָרט, וואו קיין געוואוקס, קיין לעבעדיגעס וועזען קען געדייהען... וואו קיינע אויפרייצענדע זיננליכקייט פון דער א ו י ס ע נ ו ו ע ל ט קען שטערען דעם ריינעם געדאנק... דאָרט האָט די הייסע אַטמאָספערע צו וואַרעמט און צו גליהט די פאַנטאַזיע פון איין הויך אידיאַליש שעפער־פאָלק ... — זיינע גייסטליכע געפיהלע האָבען זיך עמפּאָרגעהויבען ה ע כ ע ר פון דער ערד . . . און דער היממעל האָט זיך צו איהם אַראָפּגעלאָזט... זיך איינגעבויגען ... און איהם איבערגעגעבען זיין הייליגען פונק ... זיין ליכטיגען גייסט ! און מיט דער הילף פון דער בלענדענדער שיין איז ער פעהיג געוואָרען צו דערזעהען דאָס העכסטע אידעאַל —— דיא גאָטטהייט !! ... — דאָס עוויג לעבענדע, וועלט הערשענדע, וועלט שאַפענדע אידעאַל האָט אויסגעפיהלט זיין קאָפּ,

זיין הערץ, זיינע געפיהלע, זיין גאַנצעס לעבען! דאס איז געוועזן זיין גייסט— זיין „נשמה"! — ... דעם פייערליכען אַקט פון דעם הייליגען מאמענט האט ער אפּקאפּירט מיט פייערדיגע בוכשטאבען אין צוויא שטיינערנע טאוולען (לוחות), כדי שפּעטער איינצוהילען, אנצובינדען אין זייא דאס אויסגעארביי־טעטע גיגאַנטישע וועלט־בוך — דיא „ביבעל". — אַ בוך פון מאראל, זיטליכ־קייט טויגענד און מענשען ליעבע! — דאס איז זיינע זעלבסט ערהאַלטונג, זיין לעבענס אַטהעם... זיינע ריעזענקראַפט! ... און אום דעם גייסט איינצוהי־לען אין אַ אירדישער הילע, אין אַ קערפּער, האט דיא „נשמה" ערשט שפּעטער געשוועבט אפּזוכען זיך אַ גוף, אַ פעסטען באדען, א טעריטאריום... איין אבגעזונדערט ארט ער זאל קענען רוהיג איבערגעבען דעם גאַנצען סאָציאַלען אָרגאַנישען קערפּער זיין ספּיריטועלע קראַפט! — — און דער־פאַר האט זיך דאָס יודענטהום אַזוי גוט קאָנסערווירט; ווייל אויך זיין מאַ־טעריעלען קערפּער האָט דער יוד, זאָ צו זאָגען, גאַלוואַניזירט מיט זיין רעליגיעזען גייסט אַזויא שטאַרק, אַז קיין זשאַוועל, קיינע אויסערע פערניכטענדע עלעמענטע, איז דאָס ניט אימשטאַנדע געוועזן צו צערפרעסען אין אַזאַ לאַנגע צייט פון טויזענדער יאָהרען — —

זעהט מען דאָך אין דער פּראַקטישען וועלט, אַז דאָקטורים ווילען בע־האַלטען אויף לאַנג אַ מענשליכען גליד, א נפל׳ע האַלטען זייא עס אין אַ גלעזערנעם סלוי מיט ספּירט, און אויף דער אַרט קען מען אַרויסזעהען דעם געגענשטאַנד אויף לאַנגער צייט אין זיין פּרימיטיווער פאָרם — אַזאַ ספּירט אָדער „ספּיריט", פון זיין שאַרפען רעליגיעזען „גייסט" האָט דער יוד בענוצט ער זאָל אונז באַלזאַמירען, איינמאַרנירען אַללע איבעריגע זאָגאַר „מאַטריעלע" טהייל פון זיין סאָציאַלען קערפּער כדי ער זאָל ניט קענען פערניכטעט און אויסגעזויעפּט ווערען אין דער לאנגער צייט ווען ער האָט בעדארפט אונטער-נעהמען זיין לאנגע, לאנגע רייזע אין די פערשיעדענע עקען דער וועלט! — —*)

*) אין איין אנדער פלאץ האָב איך פיעלע ביישפּיעלע אנגעפיהרט, איך וויל מיך דא בענוגענען מיט א פאָר ביישפּיעלע אום דעם טיעפען געדאנק בעסער צו ערקלערען — נעהמען מיר אן, צום ביישפּיעל דיא „קליידונג"—

אלע איבעריגע פעלקער וואָס בייא זייא שפּיעלט דער „מאַטעריאַליזם" דיא

גרעסטע ראלע, מאכען זיך גאר ווייניג דערפון, וואס נעבען זייערע קליי־ דער היינגען נאך א פאאר קוואסטען אדער „קאטעסען" לויט דער מאדע. ביים יודען אבער, דאס פאלק פון „אידעאליזם" — מאגנעטיזירט דעם איינ־ פאכען „קאטים" מיט דעם ווארט „ציצית" — און דער קוואסט בעקומט שוין גאר א גאנץ אנדערע רעליגיעזע בעדייטונג—...

דאס ווייסט מען, אז דער גרעסטער מאט־יעלער פראצעס וויא ביא מענשען זא ביא טהירע איז — „דאס עססען"— דאס עסען, אדער „פרעססען" ווערט דער מענש צום טהיר גלייך און עס קען דא קיין פלאץ ניט בלייבען אויף א טראפען „אידעאל" — און דאך, ווען איינער פון א פרעמדער נאציאן זאלל שטעהן פון ווייטענס און צוזעהען וויא א הונגעריגער „יוד" נעהמט דאס ברויט און אנשטאט, וויא איין מאטעריאליסט, וואס טהוט זס איינפאך א ריס, עפפענט א גרוים מויל און פאנגט עס אן קייהען מיט דער ווילדער גיער פון א הונגעריגער חיה — נעהמט דער יוד לאנגזאם דעם קוילעטש אום שבת, פערגלאצט דיא אויגען מיט א פרומע מינע, מאכט שטיל א ברכה און מיט זיין מעסער צו שנייט ער ניט באלד דאס ברויט, נאר ער טהוט עס א קארב אזוי וויא א צייכען — וואלט יענער מענש געריי־ כענט ווירקליך אז ער זעהט פאר זיך א כשוף־מאכער, וואס מאכט מיט זיין צויבערמעסער און צויבערשפרוך עפעס א געהיימעס איבערנאטירליכעס קונסטשטיק... און דאס איז גאנץ איינפאך איין ארט עססען, נאר וויל דער יוד איז דורכגעוועבט מיט „אידעאליזם" און זעלבסט דאס געוועהנליכע ברויט גאלוואניזירט ער מיט דעם נאמען „חלה" וואס גיבט צו דעם שטיקעל „מאטעריע" א גאנץ אנדערע „אידעאלע" בעדייטונג און פיהרט איהם צו, צו דער עראינערונג פון דער הייליגער מנוחה און עונג שבת!

יעצט פערשטעהט זיך, אז ווען ער האט זיין קערפער פערניכטעט, זיין שטי־ קעל טעריטאריום פערוויסט, בערויבט, האט ער אימער נאך געקענט אפראטעווען זיין לעבענס־קוועלע, זיין „נשמה" — און אויף דער גאנצער רייזע האט ער געקענט מיטפיהרען מיט זיך זיין גייסטיגעס פאטערלאנד! און אין דעם פאטערלאנד איז ער דער מאכטהאבער... פון דעם פאטערלאנד קען מ׳ן איהם ניט פערטרייבען. אין דעם פאטערלאנד איז ער פערשאנצט מיט א הימלישע פעסטונג... און זא לאנג זיין מוטהיגער גייסט וועט ניט מיעד ווערען צו בעוואכען טאג וויא נאכט דיא פעסטונג, וועלען אלע שטארקסטע פייערגעוועהרע, אלע שארפע גיפטיגע פערניכטונגס מאשינען פון בלבול, האס און פערפאלגונגען וועלכע דיא שונאים שליידערען, צוברעקעלט ווע־ רען ביא דיא וואנד פון זייערע גייסטיגע מויערען און דיא שארפע שטיק וועלען צוריקפאלען אויף דיא קעפ פון זיינע פערפאלגער — זיי וועלען פער־ ניכטעט ווערען... און ער! וועט ווייטער לעבען אין זיין גייסטיגען בית המקדש און וועט געדייהען אין אלע עוויגקייט!!...

300 פיידזשעם

# וועלט בעריהמטע
# אפעראס

300 פיידזשעם

- „מאצארט“
- „בעטהאווען“
- „וואגנער“
- „ווערדי“
- „מייערבעער“
- „האלעווי“
- „גונא“
- „גאלדמארק“
- „ראסיני“
- „בעליני“
- „דאניצעטי“
- „פוטשיני“
- „מאסקאני“
- „לעאנקאוואלא“
- „מאסענע“
- „שטראוס“
- „ביזע“
- „דאן זשואן“
- „פידעליא“
- „טאנהייזער“
- „לאהענגרין“
- „פארסיפאל“

## בעשריעבען און ערקלעהרט
## אין פליין אידיש
— פון —
## וויללואם עדלין.

דעם אינהאלט פון דעם דראמאטישען סוזשעט און דער כאראקטער פון דער מוזיק פון דיא בעסטע 25 איטאליענישע, פראנצויזישע און דייטשע אפעראס. סיי דער וואס געהט אין אפערא און סיי דער וואס האט ליעב לעזען וועגען דיא פראכטפאלע סוזשעטען פון דיא גרעסטע אפעראס קען אין דיעזען בוך געפינען פיעלעס וואס פערשאפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

## קויפט דעם בוך איבער דיא שעהנסטע קונסט.

און זעהט וואס פאר א וועלט פון גענוס עס איז דא פאר אלע מענשען פון אלע קלאסען. דער בוך דארף זיך געפינען ביי יעדען וואס האט ליעב צו לעזען די בעסטע ראמאנען, דראמאס און פאעזיע.

- „טריסטאן און איזאלדע“
- „אאידא“
- „ריגאלעטא“
- „טרובאדור“
- „טראוויאטא“
- „הוגענאטען“
- „פראפעט“
- „דיא יודין“
- „פאוסט“
- „מלכה שבא“
- „בארבער פון סעוויל“
- „פיוריטאני“
- „לוציא“
- „לא באהעם“
- „מאדעם באטערפליי“
- „קאוואלעריא“
- „פאליאטשי“
- „נאווארעז“
- „סאלאמע“
- „קארמען“

## פרייז 35 סענט בראשירט און 50 סענט געבונדען

# Hebrew Publishing Co.,

85 Canal Street, New York, City.

— פאלשטענדיגעס —

# ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

# ווערטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

**ערשטער טהייל** ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ׳ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

**צווייטער טהייל** ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכ׳ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

**פרייז, 3.50**

---

# ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא ערקלעהרונגען זיינען אביסעל אפגעקירצט.

**פרייז, 1.00**

---

# ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

# טאשען־ווערטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ׳ן אי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ׳ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

**פרייז, אין קלאטה באנד, 65 סענט. אין לעדער באנד, 90 סענט.**